STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11566

# SEFER GAN YEHUDAH.

Judah Loeb Lazarow

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

# גן יהודה

פון דעם מחבר הרב הדרשן

## יהודה ליב לאזעראָוו

מחבר, 6 טהייל מטה יהודה, 3 טהייל דברי יהודה, 4 טהייל דברי יהודה אידיש, 7 טהייל ילקוט יהודה, 2 טהייל דגל יהודה, 2 טהייל קהלת יהודה, 2 בענדער בימה רעדנער, 2 טהייל שפת יהודה סדור, ולשרה בן תהלים, ענציקלאפידיע ווּיצען, 2 טהייל בית יהודה, שיר יהודה, יד יהודה, ראש יהודה, אמרי יהודה, ועוד ועוד.

---

נויארק — תרצ"ה

---

נעדרוקט ביי די

מוינעשטער פּאבלישינג קאמפּ.

1569 איסט ניו יאָרק עווענוי

ברוקלין, נ. י.

Copyright, 1935
By
RABBI L. LAZEROW

Printed by
MOINESTER PUBLISHING CO.
1569 East New York Ave.
Brooklyn, N. Y.

# אינהאלט פארצייכעניש


| | |
|---|---|
| אַ פּאָר ווערטער פון דעם מחבר | 5 |
| לימים נוראים | 7 |
| לסוכות ושמחת תורה | 40 |
| ט"ו כסלו | 45 |
| לחנוכה | 48 |
| לפסח | 55 |
| לשבועות | 71 |
| לחינוך הבנים | 83 |
| להספד | 93 |
| לנשואין | 105 |
| לצדקה | 114 |

געה מיין ספר „גן יהודה״ ארוים אויף דער וועלט, — און זאל דיר נישט פארדריסען, אז מען וועט דיר ווער עס איז נישט אזוי צו נעהמען מיט כבוד, דער סוף וועט זיין, אז דער זעלבער וועט שיקען זוכען דיר, אויב ער אליין וועט דיר נישט קויפען.

# א פאר ווערטער פון דעם מחבר

ב"ה, וואס ער האט מיר געהאלפען ביז איצט ארויס־צוגעבען אלע מיינע ספרים, און לויב צו השי"ת וואס ער האט מיר געגעבען דעם פארשטאנד דערצוא. און איצט גיעב איך פאר אייך א ספר וואס ער וועט נוצבאר זיין פאר יעדען, ווער עס דארף ריידען. דער ספר איז חומר לדרוש, פאר ימים נוראים ביי זיבעציג מאמרים. חומר לדרוש פאר סוכות און שמחת תורה, — ט"ו כסלו, פאר חנוכה, פסח, שבועות, חנוך הבנים, הספדים, לז' אדר, מצבה, נשואין, לצדקה. ס"ה ביי פיער הונדערט מאמרים חומר לדרוש.

איך טוהע מיין ארבייט, וואס השי"ת גיט מיר אריין אין זינען צו טאהן, און דיא קריטיקער זאלען קריטיקירען, און די זעלבע קריטיקער האבען מיינע אלע ספרים, און גוט באצאהלט. מיט איניגע וואכען צוריק זאגט מיר א רב, אז דער און דער מאכט צו גאר נישט אלע אייערע ספרים. היינט האב איך איהם געהערט ריידענדיג האט ער טאקע געזאגט אייערע, און איך בין נאכדעם געווען דורך א צופאל ביי איהם אין הויז, האב איך געטראפען אלע ספרים. יא, מיר האבען אזעלכע, ווי דער גרויסער גאון נ—ק.

קויפט דעם ספר און איהר וועט האבען הנאה.

**המחבר**

## לימים נוראים, ראש השנה
## שבת שובה ויום כפור

„אז ירננו כל עצי היער לפני ד׳ כי בא לשפט את הארץ״
(תהלים)

„עצי היער״ וואלד בוימער, צו זיי איז געגליכען דער בינוני, מיטעל קלאס, ווייל די צדיקים זיינען דאך נושא פירות, שטענדיג ווערען זיי גערופען עץ השדה, פעלד בוים וועלכע וואקסען פרוכט. דער צדיק טהוט דאך מצוות און לערענט תורה. אבער די בינונים זיינען געגליכען צו דיא וואלד בוימער וואס גיבען קיין פרוכט. אז עס קומט די ימים נוראים צייט, אז ירננו, הויבען שוין אן דאווענען דיא „עצי היער״. די בינונים הויבען אן צו געבען פרוכט, ווייל זיי זעהען שוין איין „לפני ד׳ כי בא לשפט הארץ״, פאר גאט וואס קומט שוין משפט׳ן די וועלט, קומען זיי שוין זינגען, „לשמוע אל הרנה ואל התפלה״.

---

## לימים נוראים

„ויחר לקין מאד ויפלו פניו״
(בראשית)

דער אלשיך הקדוש זאגט, „פניו״ ווערט גערופען דער שכל פון מענשען. דער שכל, איז באשאפען פון פאר „מעשי בראשית״, און דער חלק „החומר״ דער קערפער ווערט גע-רופען „אחור״ וואס איז באשאפען נאך „מעשה בראשית״

און דאָס מיינט „ויפלו פניו" דער „חלק השכל" איז ביי איהם געפאלען, אחור וקדם צרתני, ויפלו פניו דער שכל איז געפאלען ודו"ק.

---

## לימים נוראים

זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים וכתבנו בספר החיים
למענך אלהים חיים.
(בעשי"ת)

זכרנו לחיים וכתבנו בספר החיים, זאָגען מיר בלשון רבים. דאָס ווייזט דאָס ער ליעבט דעם צווייטען ווי זיך אליין, ווייל ער בעט דאך פאר איהם לעבען. אויב דאָס איז טאַקע באמת איז גוט, — אָבער אויב ער זאָגט דאָס מיט'ן מויל נאָר און אין הארצען טראַכט ער שנאה אויף דעם צווייטען איז זעהר נישט גוט . . .

---

## לימים נוראים

עיר קטנה (קהלת ד') זה הגוף ואנשים בה מעט אלו האברים, ובא אליה מלך גדול זה יצר הרע, — ובנה עליה מצודים אלו העונות ומצא בה איש מסכן חכם זה יצר טוב ומלט את העיר בחכמתו זה תשובה ומעשים טובים. (נדרים ל"ב)

די קלוגע צייט האָט ערפונדען, דאָס אין מלחמה זאָל איין מינע אָדער אַ טאָרפידאָ צושטערען דיא גרעסטע שיפען

און קרעפּעסטען, און דאָס הייסט „לא בכח ולא בחיל כי אם בחכמה", אַט אַזוי איז במלחמת היצר. האָט דער יצר טוב איין מצוה, וועלכע צוברעכט אַלע קרעפּעסטען וואָס דער יצר הרע האָט אויף געשטעלט, און דיא מצוה איז „תשובה", וועלכע צוברעכט און פאַרניכטעט אַלע עבירות וואָס דער מלך גדול האָט אויף געטאָהן, דאָס איז דער יצר הרע, קומט דער יצר טוב, דער ילד מסכן וועלכער איז אַ גאַנץ יאָהר אָרים, אָבער קלוג, מיט דער טאָרפּידאָ תשובה צורייסט ער אַלע קרעפּעסטען און פון יעדער עבירה ווערט נאָך אַ מצוה.

---

## בינונים תלויין ועומדין
### (ר"ה ט"ז)

דער צים"ע ר' ישראל סלאַנטער זצוק"ל האָט געזאָגט, ווער עס ווערט געהאַנגען, שטעלט מען איהם אויף אַ ביינקעל, די שטריק מיט דער פּעטליע נעהמט מען דורך זיין קאָפּ, דאַן נעהמט מען אַרויס דעם ביינקעל פון אונטער זיינע פיס בלייבט ער הייגנען און ווערט דערשטיקט, דאָס איז דער געדאַנק „תלויין ועומדין". דער געפאַר איז גרויס, דורך תשובה אין דיעזע צייט, ווערט איהם געשיינקט זיין טויט אורטייל.

---

## לימים נוראים

אבינו מלכנו עשה למען שמך הגדול הגבור והנורא שנקרא עלינו.

איינער פון די ראָטשילדס האָט אָבגעטאָהן אַ זינד געגען די רעגירונג, האָט מען איהם געדאַרפט אַרעסטען, האָט

ער געשריען און געבעטען זיין פאָטער, זעהט מיט אַלע מעג־ליכקייט צו פאַרשטיקען די זאַך, ווייל ביי די ראָטשילדס איז נאָך נישט פאָרגעקומען אַ פריזען שטראָף, אַז אימיצער זאָל זיצען צווישען גנבים און דאָס מיינט „אבינו מלכנו" אונזער פאָטער און געגנוג „עשה למען שמך הגדול" העלף אונז צוליעב דיין הייליגען גרויסען נאָמען וואָס ווערט גערופען אויף אונז.

---

## לימים נוראים

„אם אין אני לי מי לי וכשאני לעצמי מה אני"
(אבות)

אויב איך בין נישט אָפגעזונדערט פונ'ם צבור, „אם אין אני לי" אויב מיין איך איז נישט פאַר מיר אַליין, נאָר איך בין און בעלאַנג צום צבור, איך טוהע אַלעס מיט'ן צבור צו־זאַמען אין אַלע אַנגעלעגענהייטען „מי לי" ווער איז צו מיר גלייך, — אָבער „וכשאני לעצמי" איך בין נאָר פאַר זיך און מיר קימערט נישט פאַר דעם צבור, בין איך ימים נוראים אַן אומגליקליכער, ווייל אַ צבור איז נישט אָרעם, און אַז איך בין צוזאַמען מיט'ן צבור, וועל איך אויך אַרויס זכאי בדין, — ודו"ק. —

---

## לימים נוראים

„אבינו מלכנו מנע מגפה מנחלתך"

דוד זאָגט, „הנה נחלת ד' בנים" דיא נחלה דיינע וואָס דוא גיסט אונז דאָס זיינען אונזערע קינדער, רבש"ע פאָטער

און קעניג „מנע מגפה מנחלתך" פארמייד די עפידעמיע, דיא מגפה פון אונזערע קינדער, מגפה גופניות, איבערהויפט דיא מגפה רוחניות, עס איז דאך א שרעקליכע מגפה אין רוחניות. רבש"ע מיר זיינען נישט שולדיג, מיר קענען נישט העלפען, עס איז א מגפה „בנחלתך" אין דיינע קינדער, „הנה נחלת ד' בנים" העלף רבש"ע עס האלט פארניכטעט צו ווערען דער יודענטהום פון זיי.

---

## לימים נוראים

### „בורא ניב שפתים שלום"

ימים נוראים, קומען מיר אין די שוהלען מתפלל צו זיין, דארף יעדער זעהען בעפאר אלעם, דאס זיין מויל זאל זיין ריין, פון לשון הרע רכילות, און איבערהויפט פון מאכלות אסורות מיט דער מויל וואס מען רעדט דיא תפלות, דארף דאך דיא מויל זיין ריין אזוי ווי מען וואלט דיר געבען א גוטען מאכל, שמעקט א מחיה, אבער די טעלער איז זעהר זעהר שמוציג, וואס וואלסטו געטאהן ? דער לייב איז קראנק געווארען אלע חיות זיינען געקומען איהם געבראכט מעדע־צין קרייטיכער. דער שלאנג האט געבראכט אין מויל א גוטען בלאט און א גוטע רפואה איז עס טאקע. זאגט דער לייב, מיין טייערער קנעכט דוא ביזט גוט, דיא כוונה איז גוט, אבער דיין מויל איז דאך פול מיט גיפט, „בורא ניב שפתים" אבער שלום, ודו"ק.

---

## לימים נוראים

נחפשה דרכינו ונחקורה ונשובה עד ד'.
(איכה ג')

מיר וועלען נאכקלערען און נאכפארשען ווארום ברענגט גאט די אלע צרות אויף אונז, נאר דאס דארפען מיר יא נאכ-פארשען און נאכדיינקען אונזערע מעשים, „נחפשה דרכינו ונחקורה", דאן וועלען מיר אויסגעפינען אז גאט איז גערעכט און מיר דארפען אלע „ונשובה עד ד'" תשובה טאהן.

---

## לימים נוראים

„אם אמרתי מטה רגלי חסדך ד' יסעדני"
(תהלים)

אויב איך בין מיר מתוודה, איך בין מודה דאס „כי מטה רגלי" אז מיינע פיס זיינען טאקע אראפ פון וועג, איך בין שולדיג, און בעט פארגעבונג, דאן באלד „חסדך ד' יסעדני" ווער איך פרעהליך נאכדעם ווייל איך האף אז דוא וועסט מיר פארגעבען „ומודה ועוזב ירוחם".

---

## לימים נוראים

„פדנו ממהומת מות"
(סליחות)

דער מענש זאל נישט שטארבען אין מהומה בעטען מיר, אומגעפער, אין מיטען נאכט א פייער אין זיין הויז פול רויך,

די טרעפ ברענען, נישט צו געהן אראפ, נישט ארויף, איז דאס אומגעפער איין מהומת מות, ווען איינער דארף פארען און עס ווערט א מהומה קען טרעפען ער זאל פארגעסען דעם פעקאלע זיינעם, דיא נויטיגע זאכען וואס ער מוז האבען מיט זיך, דאס זעלבע ח"ו ווען א מענש שטארבט אין מהומת מות, קען ער פארגעסען פון מהומה זיין פעקעל מיטצננעהמען מיט זיך, דאס איז תשובה, רבש"ע „פדנו ממהומת מות".

---

## לימים נוראים

„ואחור בל נסוגה"
(סליחות)

איינער האט געשיקט א שליח פון זיין שטאדט אין א צווייטע שטאדט וועגען ביזנעס, און ווי דער שליח איז אוועק האט דער משלח געהערט פון איינינע אז דער שליח איז נישט קיין פיינער מאן ער קען נאך איהם בדלות שטעלען, שיקט ער באלד רייטער איהם צו קעהרען צוריק, רבש"ע דוא האסט אונז געמאכט פאר שלוחים דיר געבען און ברענגען מעשים טובים, איינצוהאנדלען גוטע ווארע, אין די 70 יאהר, רוף אונז נישט צוריק פאר דער צייט.

---

## ליום כפור

„ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד זה יום הכפורים"
(מד' בראשית)

ווי איז עס מעגליך, אז א זאך זאל זיך איבערדרייהען פון ברעג צו ברעג אין מענשען'ס לעבען. אט איז פינסטער

און באלד זאל ווערען ליכטיג, פון שלעכט צו גאר גוט, גיט דער מדרש צו דערקלערען, דאס איז נאר יום כפור דער מענש קומט צו „כל נדרי" נישט גוט, פול מיט עבירות פיעל מעהר ווי מצות איז ער דאך א רשע, קען ער דאך פארצייכענט ווערען צו מיתה ח"ו, „ויהי ערב" אט איז ער פינסטער טהוט ער תשובה אין אווענט, איז אויף מארגען אין דער פריה איז ער א צדיק, און קריגט א גוט יאהר, אז פון דעם „ערב" זאל ווערען טאג און יום אחד אין איין טאג, דאס קען נאר מאכען „זה יום הכפורים".

---

## ליום כפור

ויתפרו עלי תאנה ויעשו להם חגורות"
(בראשית)

מדרש, „עץ שאכל אדם הראשון תאנה היה", דער בוים פון וועלכען אדם האט געגעסען פון איהם איז געווען א „תאנה" (פייגענבוים) דארום האט ער געמאכט פון דעם בוים די גארטלען אזוי ווי דוד זאגט וחטאתי נגדי תמיד" דער זינד זאל שטעהן אימער פאר דיא אויגען.

---

## לימים נוראים

„הוא ישופך ראש ואתה תשופנו עקב"
(בראשית)

דער מענש ווערט דיר נחש יצר הרע א קלאפ טאהן א שטארקען „הוא ישופך ראש" פון אנפאנג יאהר פון ראש

השנה אַן, וועט דער מענש דיר|געבען אַ שטאַרקען קלאַפּ מיט זיין תשובה, „ואתה תשופנו" און דוא וועסט איהם בייסען „עקב" ביים סוף פון ימים נוראים. פון הושענא רבה אַן. (מספר שב"ר).

---

# לימים נוראים

## „ופסח ד' על הפתח"
## (בא)

די חז"ל זאָגען דאָס גאָט ב"ה זאָגט צו אונז אתם פתחו לי כפתחו של מחט ואני אפתח לכם כפתחו של אולם. איהר עפענט אַ טירעלע צו תשובה נאָר ווי דיא לעכעלע פון נאָדעל אַזוי קליין, וועל איך אייך עפענען אַ טהיר אַזוי גרוים „כפתחו של אולם" הרב הקדוש ר' ברוך ממעזביז האָט געזאָגט גע־וויינטליך דאַרף ביי תשובה זיין „אתערותא דלתתא", אַ דער־וועקונג פון תשובה פון אונזער זייט, מיר דאַרפען אָנהויבען תשובה צו טאָהן, אָבער מיר זאָגען „השיבנו ד' אליך ונשובה". מאַך דו דעם אָנהויב רבש"ע, הויב אָן צו ערוועקען אונז. גאָט זאָגט „שובה ישראל" ניין, איהר מוזט אָנ־הויבען תשובה טאָהן און אַזוי זאָגען דאָך דיא חכמים אתם פתחו לי וכו' ואני אפתח וכו', אָבער אין מצרים זיינען אידען געווען פאַרזונקען אין מ"ט „שערי טומאה" . . . האָט הקב"ה מוותר געווען, איז געקומען דיא „אתערותא דלעילא" און גאָט האָט געשאָנקען אונז אונזער אָנפאַנג און ער האָט אָנגע־פאַנגען, ופסח ד' און גאָט ב"ה האָט אריבער געהיפּט „על הפתח" דעם „אתם פתחו לי" און נאָכדעם ואני אפתח לכם" האָט ער אריבער געהיפּט „על הפתח" „ופסח ד' על הפתח" אתם פתחו לי און ער האָט מקיים געווען זיינס און ער האָט ערוועקט צו תשובה וצדקה.

## לימים נוראים

„אבינו מלכנו שלח רפואה שלמה לחולי עמך"

אמאהל פון א קראנקהייט א שטארקען ווערט מען אויך געזונט. אבער אנדערש האט דער קראנקער נישט געקענט געזונט ווערען ביז מען האט איהם געמוזט אפשניידען אן אבר, א פוס אדער א האנט, אדער אן אינעווענינגסטען אבר, בעטען מיר רבש"ע שלח רפואה שלמה, א גאנצע רפואה שיק לחולי עמך פאר דיא קראנקע פון דיין פאלק, — עס זאל קיין אברים נישט אראפגענומען ווערען.

---

## לימים נוראים

למה חרה לך ולמה נפלו פניך הלא אם תטיב שאת וגו'
(בראשית)

אויב א מענש האט געזינדיגט, דארף ער זיך ניט מייאש זיין, ער דארף נישט פארלירען האפענונג, ער קען זיך פאר־שטעלען ווי ער וואלט אריינגעפאלען אין ים, וואלט ער געווים געזוכט מיטלען ווי ארויס צו קומען, אזוי דארפסטו מענש טאהן, זוך מיטלען ווי צו ניצול ווערען פון דער עבירה, און טוהע תשובה מיט'ן וויינען אליין און פארקרימען דעם פנים, וועט דיר נישט העלפען, „למה חרה לך" „ולמה נפלו פניך" „הלא אם תטיב" אויב דו וועסט פון יעצט גוטעס טאהן שאת וועל איך דיר נאך דערהויבען דען פון יעדער עבירה ווערט א מצוה.

---

„אתם נצבים היום כלכם וגו׳ כל איש ישראל״
(נצבים)

דאָס דאַרפט איהר וויסען, און מאַכען וויסען, דער יחיד זאָל נישט מיינען, אַז ער קען פאַרנומען ווערען אין כלל, און זיך נישט מאַכען וויסענדיג פון דעם פּרט, עס געהט אַ ווער־טעל און טאַקע אַ טייערער ווערטעל, יעדער פאַמיליע זאָל זיך דענקען, אַז פון איהם פון זיין הויז, דאַרף אַרויסקומען משיח, פאַרשטעהט מען אַז ער דאַרף זיין גוט אָפּגעהיט אין זיין לעבען . . . „אתם נצבים היום כלכם״ איהר שטעהט היינט פאַר מיר אַ גרויסער כלל נאָר ווי ווערט דער כלל פון „איש״ פון יעדען איינצעלנעם איש, ווערט דער כלל ישראל ודו״ק.

---

## יעדער צום כלל

אתם נצבים, ראשיכם וכו׳ כולכם —
(נצבים)

די גאַנצע אומה זיינען, „כחול הים״ אַלע צוזאַמען, די אידען זיינען אויך ווי שטערען „ככוכבי השמים״. אָבער אויך יעדער פּרט, איינציגער קומט צום חשבון, אַזוי ווי שטע־רען „לכלם בשמות יקרא״ אפילו „טפכם נשיכם״ קליינע קינ־דער און פרויען, „עד שואב מימך״ וגו׳ דעם וואַסער שעפּער, האָלץ האַקער, אַלע אין איינעם כולכם, זיינט איהר.

---

## לימים נוראים

### נצבים וילך

מיר זיינען אַ פאָלק וועלכע, אָדער מיר שטעהען, אָדער מיר געהען, זיצען לאָזט מען אונז נישט.

---

## לימים נוראים

### נצבים וילך

מיר מוזען אַ ווײַלע שטעהען אַ ווײַל געהען און עס העלפט נישט ווי פיעל מיר טרייען צו זיין רוסען, דייטשען, פראַנצויזען, ענגלענדער, אמעריקאַנער, עס ליגט אויף אונז אַ צייכען, דורך וועלכען מען דערקענט אונז באַלד, און מען זאָגט אונז, איהר האָט אָבגעלייענט נצבים, האָט איהר גלייך וילך, און זיי געהען צוזאַמען . . .

---

## לימים נוראים

### נצבים

דער מדרש טרייסט אונז, מיר זאָלען נישט זיין פאַר־צווייפעלט, אין דיא ערגסטע צייטען, נצבים היום, איהר זייט, ווי דער טאָג, „נצבים היום" — איידער עס ווערט ליכטיג טאָג, מוז זיין פינסטער, און אַזוי איז מיט אייך, איהר וועט שטעהן אויך אויף עוויג ווי דער טאָג . . .

---

# לימים נוראים

## נצבים וילך

פעלקער נישט קיין גרויסע ציוויליזירטע, זיי שעהמען זיך גאר נישט, און זאגען אונז גלייך, איהר זיינט דא געקומען צו לייענען נצבים, ניין איהר ווייסט אז ביי אונז לייענט מען נצבים וילך אין איינעם, פעלקער ציוויליזירטע, לאזען נאך אונטערשטעהן, ווייל זיי שעהמען זיך, זוכען זיי דערווייל אויסמיטלען ווי ענג צו מאכען, אז מען זאל אליין נעהמען דעם וואנדער שטאק, און לייענען וילך. —

---

# לימים נוראים

ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב את המות ואת הרע ובחרת בחיים . . .
(נצבים)

דעי דובנער זצוק"ל גיט צו פארשטעהן דעם פסוק מיט א קורצען קלוגען משל, איינער האט געהאלטען אן ארבייטער אויפ'ן טאג, ווען ער האט איהם באצאהלט זיין פארדינסט, האט ער צו איהם געזאגט, דוא זאלסט זיך אויפ'ן וועג נישט אריינכאפען אין א סאלון, און פארטרינקען דיא פאר סענט, דיין ווייב און קינדער זאלען האבען וואס צו עסען. דאס זאגט דער פסוק ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב, זעה איך גיעב פאר דיר דאס לעבען און דאס גוטס, „ובחרת בחיים" זאלסט אויסקלייבען דאס לעבען, און דאס גוטס, „למען תחיה אתה וזרעך" כדי דוא און דיינע קינדער זאלען לעבען ריכטיג ווי דער בעל הבית האט אנגעזאגט דעם ארבייטער . . . און אויב דו האסט ניט געפאלגט, זוך מיטלען צו בעסערען זיך.

„שוא לכם משכימי קום מאחרי שבת"
(ימים נוראים)

פאלש צו אדך, איהר וועלכע „משכימי קום" איהר שטעהט אויף צו סליחות גאנץ פריה און איהר זאגט סליחות אויך, אבער: מאחרי שבת" פארשפעטיגען צו אומקערען זיך צו גאט מיט תשובה „שוא לכם" איז דאס גאר ניט ווערט . . . (מספר לחמי תודה)

---

## לימים נוראים

כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ד' תטהרו.
(פ' אחרי. ליום כפור)

יום הכפורים, איז מכפר, דער טאג אליין פאר אזעלכע, אפילו — וואס טוהען קיין תשובה נישט, „כי ביום הזה יכפר עליכם" דען דער טאג ווישט אפ אלע אייערע עבירות, אפילו אהן תשובה, אבער א רושם בלייבט, ווייל מען האט קיין תשובה נישט געטאהן, אבער „לטהר אתכם מכל חטאתיכם" צו רייניגען אייך פון אלע אייערע עבירות, אפרייניגען אין גאנ־צען, עס זאל קיין פלעק נישט בלייבען, דאן מוזט איהר „לפני ד' תטהרו" דארפט איהר זיך רייניגען, תשובה טאהן פאר גאט ב"ה וועט קיין רושם נישט בלייבען . . .

---

# לימים נוראים

„במקום אשר תשחט העולה תשחט החטאת"
(צו)

דער קרבן חטאת וועלכע קומט אויף „כפרת העון" איז באליבט ביי גאָט אזוי גלייך, ווי דיא עולה וועלכע איז א דורון מתנה, אויב דער ברענגער פון חטאת טהוט תשובה.

---

# ליום כפור

אך בעשור לחדש השביעי הזה יום הכפורים הוא מקרא קודש יהיה לכם".

וואָס האָט דיא תורה געמיינט מיט דעם וואָרט „אך" און זי זאָגט ניט, בעשור לחדש השביעי ? דער טאָג יום כפור, איז צו מוחל עונות, און צו געבען אונז א גוט יאָהר, מיר זאָלען נישט דארפען וויינען א גאַנץ יאָהר, מיט דעם יום כפור'דיגען וויינען, זאָל אראָפּ אלע צרות, ניט מעהר צו וויי־נען דארפען א גאַנץ יאָהר. זאָגט דיא תורה „אך בעשור לחדש השביעי הזה יום הכפורים", נאָר דעם צעהנטען טאָג אין דעם חודש זאָל זיין יום כפור, נישט צו דארפען וויינען מעהר א גאַנץ יאָהר, נאָר דעם צעהנטען טאָג אין זיבעטען חדש זאָל זיין פאר אייך יום כפור, אָבער מעהר קיין יום כפור א גאַנץ יאָהר ניט צו האָבען, אך בעשור וכו'. „אך" מיעוט הוא כידוע, ודו"ק. —

---

# ליום כפור

„בזאת יבא אהרן אל הקודש"
(אחרי)

דער טראַפּ אויף דעם וואָרט בזאת איז אַ תביר, בזאת מיט דעם תביר צובראָכענע האַרץ, „לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה" זאָגט דוד, אַ צובראָכענע האַרץ צו תפילה איז גאָט נישט מבזה דיא תפילה — איז בזאת מיט תביר . . . יבא אהרן אל הקודש" ודו"ק.

---

„והיה לכם לחקת עולם בחדש השביעי"
(אחרי)

די חכמים זאָגען „חוק" לישנא דמזונא הוא, חוק איז דער טייטשט שפייז, אַזוי ווי „כי אכלו לחם חוקם" און דער טאָג יום כפור איז דער טאָג וואָס דער ליבער גאָט, פאַרציי־כענט פאַר יעדען זיין פרנסה אין דעם טאָג „והיה לכם" דער טאָג זאָל זיין פאַר אייך לחקת עולם אויף עוויג אייך צו געבען דעם חוק שפייז.

---

„כי ביום הזה יכפר עליכם לפני ד' תטהרו"
(אחרי)

דיא תורה פאַרזאָגט אונז, ווייסט מיינע טייערע קינדער, דאָס אין דעם טאָג יום כפור וועל איך אייך טאַקע פאַרגעבען אייערע עבירות, אָבער די עבירות וואָס באַלאַנגט נאָר

לפני ד', וואס איהר האט געזינדיגט פאר מיר אליין בין אדם למקום „כי ביום הזה יכפר עליכם" דען אין דעם טאג ווערט פארגעבען ווערען פאר אייך נאר לפני ד' וואס איהר האט געזינדיגט אבער נישט אויף בין אדם לחבירו וואס איהר האט געזינדיגט, איהר מוזט זיך פריהער אויסלאדען וואס איהר האט געזינדיגט בין אדם לחבירו, נאכדעם בעטען, וועל איך אייך אויף בין אדם לחברו מכפר זיין, ודו"ק.

---

## לימים נוראים

בשעה שראה משה מעשה זמרי בכה, כמה שנאמר והמה בוכים פתח האהל, ובעת שבא קרח ועדתו לא בכה.

(מדרש רבה)

ווען משה האט געזעהען מעשה זמרי האט ער געוויינט, און מחלוקות קרח האט ער נישט געוויינט, דער מדרש וויל אונז דערקלערען, דעם גרויסען אונטערשייד פון די פראסטע יונגען, די בעלי תאות, ביז די אויפגעקלערטע. די וואס קומען מיט טענה"ת — פאר די צווייטע דערשרעקט זיך ניט אונזער תורה, און אונזער משה, מיט טענות, קען משה זיי צוקלאפען, אבער די בעלי תאות, גראבע יונגען, זיי העלפט קיין רייד, זיי ווילען ערפילען זייער תאוה, רייד וויפיעל דוא ווילסט העלפט דאס נישט, „מעשה זמרי בכה" האט ער געוויינט, אבער מעשה קרח, וואס ער קומט מיט טענות, וויינט ער ניט, ער קען זיי צוקלאפען, ודו"ק.

---

# שבת שובה

## ר׳ יוחנן בן זכאי און אספסינוס

ראש השנה האָב איך אמאָהל געזאָגט. די טרויעריגע געשיכטע פון מס׳ גיטין ווען אספסינוס האָט מיט זיין חיל באלאגערט ירושלים, און רבי יוחנן בן זכאי האָט געוואָלט געהן רעדען מיט אספסינוס, אָבער די אינעווייניגסטע האָבען דוקא געוואָלט מלחמה, האָבען זיי קיינעם נישט ארויסגעלאָזען פון שטאָט.

רבי יוחנן בן זכאי, האָט זיך געמאַכט פאַר טויט און מען האָט איהם ארויסגעטראָגען מיט דער מטה מחוץ לעיר, ווי רבי יוחנן האָט דערזעהן אספסינוס מלך, (רבי יוחנן האָט געזעהן מיט זיין חכמה און רוח הקודש, אז ער וועט זיין מלך, און אין דער אמת איז ער שוין געווען מלך, נאָר די בשורה איז נאָך נישט געקומען צום לאגער).

זאָגט צו איהם אספסינוס, אז איך בין א מלך. ווארום ביזטו נישט געקומען ביז איצט, און געווארט ביז עס איז די מלחמה פארביטערט געוואָרען, דאָס זעלבע מיינע טייערע, צו תפילת שחרית, האָט אויסגעשריען דער בעל שחרית, „המלך" אלע אנערקענען דעם מלך מלכי המלכים היינט, ר״ה מאַכען מיר איהם קעניגען, און מיר וויסען אז ער איז דער „מלך". אויב אזוי זאָגט גאָט, וואָס האָט איהר געווארט ביז איצט, (צו פארברייטערען די רייד) מוזען מיר ענטפערען, ווי ר׳ יוחנן האָט געענטפערט, ביז איצט האָבען די פריצים נישט געלאָזען, אונזערע עבירות, תאות, די שווערע פרנסה . . . (דאָ קען מען א סך ריידען . . .),

# לימים נוראים

## חרטה

### שובה ישראל עד ד׳

חרטה! הייסט, דער צער וואָס אַ מענש איז זיך מצער, אויף איין עבירה, למשל, אַ מענש האָט געגעבען זיין קינד אַ קליינעם גלעקעלע, דער קינד האָט עס פאַרלאָרען איז דער קינד בצער, דער פאָטער גאָרניט, ווייל ער ווייסט די ווערדע די קליינע פון דער אבידה, — אַז דער פאָטער האָט איהם אָנגעהאָנגען אויף זיין האַלדז אַ דיימאָנט, און ער האָט עס פאַרלאָרען, — דער קינד איז גאָר נישט זיך מצער, דער פאָטער איז זיך שטאַרק מצער ווען דער קינד הויבט אָן צו פאַרשטעהן, די ווערדע פונ׳ם דיימאָנט, וואָס ער האָט פאַרלאָרען, איז אַ סימן אַז ביז איצט, האָט ער קיין שכל ניט געהאַט, און איצט קומט ער צום שכל פון זיין פאָטער, אַזוי איז דאָס אויך, דער מענש האָט פאַרלאָר׳ען געלט, איז ער זיך מצער, — דער טאַטע אין הימעל איז זיך נישט מצער, ווייל ער ווייסט, אַז דאָס איז נאָר אַ שפילכעלע פאַר׳ן מענשען, אָבער אַז ער האָט פאַרפעלט אַ מצוה, דער מענש, אַז ער איז זיך מצער, קומט ער צום שכל, צו דעם הויכען געפיהל, ווייל דאָס איז די דיימאָנטען. קומט „עשרת ימי תשובה" און דער מענש איז זיך מצער, קומט ער ערשט מיט דער חרטה, צו דעם געפיהל, און געדאַנק, פון זיין טאַטען אין הימעל. דאָס איז דער סוד „שובה ישראל" קעהר זיך צוריק אום, האָב חרטה אויף די דימענטען וואָס דו האָסט פאַרלאָרען, קומסטו צו דעם געפיהל „עד ד׳ אלהיך" פון דיין טאַטען אין הימעל, ודו"ק היטב.

---

## לימים נוראים

### חשבון הנפש

דעם איינצגנען חשבון וואס איך אנערקען איז חשבון הנפש.

---

## לימים נוראים

וועה צו דעם פאלשען בעל תפילה בארד, וואס פאלט אריין, אין די הענט פון אמת׳ע אידישע לויפערס . .

---

## לימים נוראים

וועה וועט זיין צו די משוררים, וואס דער חזן וועט אנט־לויפען מיט די פאר דאלאר, און וועט זיין ניט באצאהלען.

---

## לימים נוראים

וועה צו דעם חזן, וואס קאראפקעט זיך ארויף אויף דעם צעהנטען שטאק צו פאקען א הויכען טאן, און בלייבט שטעקען . . .

---

## לימים נוראים

וועה צו דער תחינה, וואס פאלט אריין, ביי א אידענע, וואס האט א צובראכענע הארץ, זי וועט שוין פון איהר טרו־קען נישט אפשניידען.

## לימים נוראים

### וועה צום שכן פון חזן

וועה צום אידען, וואס וואהנט אין שכונות, לעבען חזן אין גאנצען חודש אלול . . .

---

## לימים נוראים

### ערב יום כפור קערות

וואויל צו דעם אידען וואס וויל צופרידען שטעלען אלע ערב יום כפור׳דיגע קערות.

---

## לימים נוראים

א סך מענשען זיינען ווי עלעקטרישע באטענס — זיי קענען גאר נישט אויפטאהן סיידען מען דריקט זיי גוט צו — דאן הויבען זיי אן צו לייכטען.

---

## לימים נוראים

### אתם נצבים וכו׳ זקניכם

זקניכם, די זקני המשפחה, די זיידעס, און טאטעס, איהר מוזט אכטונג געבען אויף אייער משפחה, איהר מוזט זיי לער־נען אז נישט זיינט איהר די שולדיגע.

---

## לימים נוראים

### אתם נצבים וגו׳ „טפכם נשיכם״

טפכם נשיכם, די נשים זיינען פאראנטוואָרטליך פאַר זייערע קינדערלאך, דאָס רוב זיינען מאַמעס שולדיג, אין די ערציהונג פון זייערע קינדער, „ובן כסיל תוגת אמו״ . . .

---

## לימים נוראים

### נצבים ראשיכם שבטיכם

אין דעם פלאַץ וואָס דער גדול דאַרף משפיע זיין, אויף דעם קטן, דער רב, די קאָפּ „ראשיכם״. זייט וויסען, אז איהר זייט נישט משפיע אויף דער שטאָט אייערע, אָדער אייערע מעמבערס, נאָר זיי זיינען משפיע אויף אייך, טייערינקע ניט געבלאָפט, מיר קענען זיך גוט, איהר האָט מורא פאַר׳ן פרעזי-דענט און וויס-פרעזידענט, און אפילו פאַר יעדען מעמבער, מיר ווייסען דאָס, געדיינקט איהר ראשים.

---

## לימים נוראים

„ראשיכם שבטיכם״, די קאָפּ דער ראש, דער רב, האָט מורא פאַר די שבטיכם „דער שבט, דער פרעזידענט, האָט מורא פאַר די מעמבערס, „זקניכם שוטריכם״, די זקנים האָ-בען מורא פאַר די שוטרים. „טפכם נשיכם״ די נשים האָבען מורא פאַר זייערע קינדער, און אַזוי טוהען כל איש ישראל.

---

## לימים נוראים

### „אתם נצבים היום"
### (נצבים)

ווען איהר לייענט דעם „אתם נצבים היום" איהר שטעהט פאר אייער גאט „היום" היינט, ווייסט וואס אייך האט געמאכט, איהר זאלט א קיום האבען, און אריבערלעבען אייער דריקונג, און איהר טרעט אויף אלע קברים פון אייערע שונאים „אתם נצבים היום", דורך וואס ? ווייל כולכם . . . איהר אלע זייט צוזאמען, יעדער באטראכט דיא לאגע פון צווייטען, און דורך דעם וואס איהר זייט „כולכם", זייט איהר נצבים היום, עד היום און ווייטער ווייטער. —

---

## לימים נוראים

### „אתם נצבים היום"
### (נצבים)

ר' דוד'ל טאלנער, האט געפרעגט איינעם פון זיינע חסידים, עס איז שוין חודש אלול, זוכסטו נאך דיינע מעשים ? זאגט דער חסיד, די וועלט זאגט אלול קומט אלול געהט אוועק. און א בעל הבית שטעהט אויף עוויג.

האט ר' דוד'ל אפגעזיפצט, און געזאגט, ניין, מיין פריינד דער עולם האט געמאכט א טעות, פונקט פארקערט, אלול שטעהט אויף עוויג, און א בעל הבית קומט און א בעל הבית געהט אוועק, זעה זיי זיך מפשפש אין דיינע מעשים, אז דער בעל הבית זאל שטעהן דא „אתם נצבים היום" זאל מקוים ווערען . . .

---

## ליום כפור

ובת כהן כי תהיה אלמנה וגרושה וזרע אין לה ושבה אל בית אביה כנעוריה מלחם אביה תאכל וכל זר לא יאכל בו.

די טאכטער פון כהן, ווען זי ווערט אן אלמנה אדער גע'גט — און קיין קינדער האט זי נישט, קערט זי זיך אום צום פאטער'ס הויז, ווי אין איהר יוגענט, פון דיא ברויט פון פאטער עסט זי, און א פרעמדער זאל נישט עסען, — צו וואס האט די תורה געזאגט „וכל זר לא יאכל בו" אין דעם פסוק. עס איז דאך שוין פריהער אנגעזאגט, אין פסוק יו"ד וכל זר לא יאכל, עיין רש"י, איך האב געהערט א זעלטענעם טייערען דרוש אויף דעם פסוק. אין דעם נאמען פון א גרויסען צדיק, די גמרא דערצעהלט אין סנהדרין, דאס א מין האט געפרעגט ביי ר' יהושע בן חנניה, הער זיך איין, זאגט צו איהם דער מין, „אלהיכם כהן הוא" אייער גאט איז א כהן, ווייל ער זאגט, „ויקחו לי תרומה" — אלזא ווייסען מיר אז גאט איז א כהן. און די תורה ווערט גערופען „ברתא דמלכא" דעם קייזער'ס טאכטער . . . און גאט ב"ה האט פארקנס'ת די טאכטער זיינע די תורה צו די אידען . . .

עס איז אבער ליידער, פארהאן אזעלכע, די וואס זיינען אין גאנצען אפגעשטארבען שוין, פון דער „ברתא דמלכא" פון דעם כהן. ו„בת כהן" און די טאכטער די „ברתא דמלכא" פון דעם כהן וואס ווערט גערופען כהן. כי תהיה אלמנה, ווען זי ווערט איין אלמנה, אין גאנצען איז איהר מאן אפגעשטארבען ביי אנדערע איז, נאר ו„גרושה" זי איז ארויס געטריבען, אזוי ווי זי איז אבגע'גט א גאנצען יאהר, אבער ער נעהמט איהר צוריק ר"ה יום כפור, וואלט

כאַטש קינדער גוטע געווען. אָבער ליידער ו„זרע אין לה" קיין קינדער אויך ניט . . . פאַר איהר האָבען מיר נישט וואָס צו זאָרגען, זי האָט אַ רייכען טאַטען, ו„שבה אל בית אביה כנעוריה" זי קעהרט זיך אום צו איהר טאַטען ווי אין דער יוגענד, איז זי געווען ביי איהר טאַטען. תתקע"ד דורות ניין הונדערט פיער און זיבעציג דורות, בעפאַר די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, אָבער „וכל זר" דער אָפּגעפּרעמטער פון איהר לא יאכל בו" וועט נישט עסען", דער איז אַ פאַר־לאָרענער אויף עוויג עוויג.

(באַמערקונג : — עס איז חסידות און ווען איך האָב גערעדט האָט זיך געגאָסען טרערען פון די הערער.

---

## משפט איהר גערעכטיגקייט

שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך אשר ד' נותן לך
ושפטו את העם משפט צדק — צדק צדק תרדוף
למען תחיה וירשת את הארץ.
(שופטים)

אין דער צייט, באַלד קומט ראש השנה, און דער יום המשפט, זאָלט איהר צווישען זיך משפט'ן גערעכטיגקייט, און צדקה געבען. און טאָהן לפנים משורת הדין, דאָס מיינט די תורה „שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך" וגו' ושפטו את העם משפט צדק", משפט איהר זיך איינער דעם צווייטען מיט צדק, וועט דערפון זיין „למען תחיה", וועסטו האָבען אַ גוט לעבעדיגען געזונטען יאָהר . . .

---

# ת ש ל י ך

## (ראש השנה)

דער בעסטער טעם, פון תשליך ביי דעם וואסער, ווייל פארצייטען איז ביי אונזערע עלטערען געווען א מנהג, צו זאלבען א קעניג ביי א קוואל וואסער, צו ווייזען אזוי ווי דער קוואל הערט נישט אויף צו געבען וואסער, אזוי זאל די מלוכה נישט אויפהערען. און ווי וואסער איז א ברכה אזוי זאל זיין מלוכה זיין א ברכה . . . און ראש השנה מאכען מיר קעניגען גאט אויף דער וועלט, און באנייען זיין מלוכה, דארום איז דער אנהויב פון שחרית, „המלך . . . יושב על כסא רם ונשא — דארום איז מען זיך נוהג ראש השנה צו געהן צום וואסער . . . אזוי ווי צו זאלבען א קעניג.

---

# לימים נוראים

## „כל היום כשר לתקיעת שופר"
## (מגילה)

דער רמב"ם זאגט דעם רמז פון תקיעת שופר בעוויזט „עורו ישנים משנתכם" עס זאגט אן דאס די שלאפענדע און תרדומת הזמן זאלען זיך אויפכאפען און תשובה טאהן, דער גאנצער לעבען ווערט גערופען בבחינת יום, און דער טויט בבחינת לילה. און דאס ווערט געמיינט טאמער האט ווער נישט אויפגעכאפט זיך פון זיין שלאף, און ער האט נאך ניט תשובה געטאהן זאל ער וויסען אז תקיעת שופר, דער עורו ישנים משנתכם איז קיינמאהל נישט שפעט, כשר כל היום, זיין גאנצען לעבען, בעסער איז פריהער, אבער אויב ח"ו ניט זאל ער טאהן אפילו אויף דער עלטער.

---

## לימים נוראים

מי האיש אשר בנה בית חדש וגו' אשה וגו' כרם וגו'.
(שופטים)

יעדער מענש, וועלכער ליעבט זיין פרוי און קינדער, זאָל זיך באַרעכענען דאָס טאָמער „פֿן ימות", אַז ער וועט נישט „תשובה" טאָהן זאָל ער געהן אין זיין הויז, באַטראַכטען אויב זיין הויז איז ריכטיג אין דיני אישות, כשרות, זאָל ער באַטראַכטען זיין „כרם" זיין ביזנעס טאָמער איז עס ניט כשר. —

---

## לימים נוראים

„התנערי מעפר כהדא תרנגולת דמתנערת עצמה מן קטמא".
(מדרש)

זאָגט ר' יעקב מדובנא דער צדיק און ראש כל הדרשנים זצוק"ל, די הוהן, אַז זי וויל זיך אויסקלינען פון איהרע שטויב, הויבט זי זיך אויף און מיט איין טרייסעל איז זי אין גאַנצען ריין, — ווען אַ מענש זאָל איהר וועלען קלינען דאַרף ער איהר שלאָגען פיעל קלעפּ, און דאַן בלייבט זי ניט קלין — דאָס זעלבע אַז אַ איד וואַלגערט זיך אין שמוץ, און טהוט אַפּ אַלע עבירות, אָבער ווען ער וויל אַליין תשובה טאָהן, ווערט ער ריין אין גאַנצען, אויב ח"ו, עס ווערט זיי געצוואונגען די אומות העולם דורך צרות אַלערליי, דאַן קענען זיי נישט אין גאַנצען קלין ווערען, אפילו דורך די קלעפּ ווערען זיי אויך אין גאַנצען ניט ריין, ודו"ק. ודפח"ח — באַטראַכט דעם מאמר).

---

# לימים נוראים

„שערי דמעות לא ננעלו"
(ברכות ל"ב)

די טויערען פון טרערען זיינען קיינמאָהל פאַרשלאָסען, פרעגט זיך טאָ פאַרוואָס דאַרף מען טויערען, אז מען פאַר-מאַכט זיי קיינמאָהל נישט ? טויערען דאַרף מען האָבען, ווייל אַמאָהל טרעפט, האַצקעל תודרוס, שטעהט ר"ת און בעט רבש"ע גיעב מיר פרנסה, אָי, רבש"ע ווען דו מאַכסט אַז לייזערקע מיין נעקסט דאַריגער זאָל איינגעהמען אַ מיתה, נוא רבש"ע וואָלט איך געקענט לעבען, און אַזעלכע זיינען דאָ אַ סך, וואָס וויינען אָפּ וואָס ספּרינצע האָט דיימאַנטלאַך און אָט פאַר אַזעלכע טרעהרען האָט דאָרט די השגחה איינ-געריכטעט טויערען, אַז עס זאָל באַלד פאַרמאַכט ווערען ווען ניט וואָלט געוועזן שלעכט, ודו"ק.

---

ואם תאמר מי מעיד בו אבני ביתו של אדם וקורות ביתו של אדם מעידין בו.
(חגיגה ט"ז)

איך האָב געזעהן אין דרש אב פון הרב הגאון האמיתי גם דרשן מפורסם זצוק"ל וויא ער פרעגט און ענטפערט, בדרך צחות ווי אַזוי קענען דיא אבני ביתו און כלל זיין הויז מיט זיין פאַרמעגען עדות זאָגען אויף איהם, יעדער מענש איז דאָך קרוב אצל ממונו ? ענטפערט ער מיט די גמרא אין קדושין האומר לאשה קדשתיך והיא אומרת לא קדשתני הוא אסור בקרובותיה והיא מותרת בקרוביו, דער וואָס זאָגט צו אַ פרוי „קדשתיך" איך האָב דיר מקדש געוועזן, און דו ביסט מיין פרוי — איז ער

אסור צו איהרע פריינד, און זי איז מותר צו זיינע פריינד, אין פלוג ווי אזוי איז זי מותר צו זיינע פריינד ער זאגט דאך, איך האב דיר מקדש געווען, אבער דער תירוץ איז, זי זאגט דאך אז ניין דו האסט מיר נישט מקדש געווען, דאס זעלבע איז דא, אפילו ער זאגט און שרייט די געלט איז מיינע, אבער די געלט זאגט און שרייט ניין איך געהער ניט צו דיר, דען דו האסט די געלט געמאכט מיט שקר, און מיט אלע בלאפס, מיט גזילה וגניבה, דארום אויב ער וויל אז די געלט אין הויז זאלען נישט קענען עדות זאגען, דארף ער אפגעבען אלעמען וואס עס איז נישט כשר נישט זיינע, ודו"ק.

---

# לימים נוראים

## קלאפען אין הארצען

ווארום קלאפט מען זיך אין הארצען, ווען מען זאגט „סלח לנו", „על חטא", צו ווייזען אז דער איד איז אימער צוגעטשעפעט צום הימעל צו די גאטהייט, אזוי ווי דער ווייער עלעקטרע, און אמאהל טרעפט, אז דיא לעקטערע ווערט אויס־געלאשען, ווייל דיא פיוז איז אויסגעברענט. אבער דער ווייער איז צוגעטשעפעט צום פלאץ פון הימעל, און אז דער מענש געהט אוועק פון גלייכען וועג, איז נאר די פיוז אויסגעברענט, אז ער טהוט תשובה, אפילו נאך „ראש השנה" און ער זאגט אבינו מלכנו חטאנו, קלאפט ער זיך אין הארצען, ער שטעלט אריין א פיוז צוריק און קלאפט זיך אין הארצען, איז א סימן, אז ער לעבט, און נאר א קוועטש דעם באטען צום הארץ, און עס ווערט ליכטיג.

---

# לימים נוראים

## קלאַפּען אין האַרצען צום לינקען זייט.

וואָרום מען קלאַפּט זיך אין האַרצען ביי „סלח לנו" א. ז. וו. ווייל דער פּסוק זאָגט „לב חכם לימין, ולב כסיל לשמאל" דאָס איז דער יצר טוב אין דער רעכטער זייט זיינער, און דער יצר הרע אין דער לינקער זייט, די גמרא זאָגט, אז דער יצר הרע איז אין לינקען זייט, און אז דער מענש זינדיגט, איז ווייל ער פּאָלגט דעם, וועלכען איז אין דער לינקער זייט, פון זיין האַרץ, דאָרום קלאַפּט ער זיך אין האַרצען אויף דער לינקער זייט, דוא יצר הרע, דוא ביזט שולדיג.

---

אדם הראשון פתח ואמר מזמור שיר ליום השבת טוב להודות, אל תקרי להודות אלא להתוודות.
(מדרש)

די חז"ל זאָגען אין הקב"ה חפץ בקילוסן של רשעים וכיון שהתחיל נבוכדנצר לשבח בא מלאך וסטרו על פיו" גאָט וויל נישט הערען די לויב פון די רשעים זיי זאָלען איהם לויבען, אויב זיי טוהען נישט בעפאָר קיין תשובה, דאָרום, ווען נבוכדנצר האָט אָנגעהויבען צו לויבען גאָט, איז געקומען אַ מלאך און איהם אַ קלאַפּ געטאָהן אויף זיין מויל, דאָרום זאָגט דער מדרש, ווען אדם הראשון האָט געזאָגט מזמור שיר ליום השבת טוב להודות לד' מיינט נישט להודות צו לויבען, נאָר להתוודות, צו מתוודה זיין זיך וואָרום אויב ער טהוט נישט תשובה און מתוודה זיין ווי קען ער לויבען גאָט. —

---

## שבת שובה

שובה ישראל עד ד׳ אלהיך וכו׳.

ישראל הייסען די הויכע קלאַס צדיקים שובה ישראל, אויך די ישראל הויכע קלאַס דאַרפען תשובה טאָהן אפילו די וועלכע זיינען ע"ד ד"א, צוגעקניפט צו די גאָטהייט, א פשיטא די בינונים, און נאָך ערגערע דאַרפען תשובה טאָהן.

---

## לימים נוראים

תקעו בחדש שופר בכסא ליום חגנו כי חוק לישראל הוא משפט לאלהי יעקב . . .
(תהלים)

משל, א גרויסער מאַן איז געווען אויפגענומען, קעגען די וואָס נעהמען אַריין אויסלענדישע סחורה, ער איז געווען זייער א גוטער מענש, ער האָט קיינעם קיין שלעכטעס גע־טאָהן, איז אין אַלע געשעפטען פון שטאָדט, געווען טריפה סחורה, און ער האָט דאָס געוואוסט, און געמאַכט זיך נישט וויסענדיג, ער האָט זיך דערוואוסט דאָס א גרעסערער דאַרף קומען רעווידירען נאָכזוכען אַלע געשעפטען . . . האָט ער אָנגעזאָגט אַלעמען, דאָס אין יענעם טאָג, וועט קומען א גע־נעראַל צו נאָכזוכען טריפה סחורה, דאַרום זאָל יעדער בע־האַלטען, עס זאָל זיין פאַרדעקט . . . און ווער עס וועט ניט מקיים זיין, וועט ער אַליין זיין שולדיג.

דער מלך רחום וחנון, דער בורא פון דער וועלט, האָט אונז געגעבען רמ"ח „מצות עשה" און שס"ה מצות „לא תעשה" — און געווים דאַרפען מיר אויספאַלגען אַלע מצות,

און נישט טאָהן דאָס וואָס מען טאָר נישט טאָהן, נישט האַל־טען טריפה סחורה, דער בורא איז דאָך אַ „רחום וחנון". ווי עס קומט אַ מאָנאַט בעפאָר דעם יום הדין, האָט ער באַפוילען, מען זאָל בלאָזען שופר און אָנזאָגען, אַז דער יום הדין קומט וואו עס ווערט רעווידירט ווערען, די טריפה סחורה, וואָס מען האָט אַריינגענומען אין די הייזער, פון אַנדערע מדינות, אַמעריקאַנער מנהגים, און פון אַלע לענדער, זאָגט אונז אָן דער שופר אידען ראַמט אויס, פאַרדעקט די טריפה סחורה, ווער עס פאָלגט נישט „דמו בראשו" — איז ער אַליין שולדיג . . .

תקעו בחודש שופר, דעם גאַנצען חודש אלול בלאָזט שופר, עס זאָל זיין „בכסא ליום חגנו" פאַרדעקט די טריפה סחורה, „ליום חגנו" — צו דעם טאָג פון אונזער יום טוב, „ראש השנה" — „כי חוק לישראל הוא" צו דעם הויכען מענשען איז עס אַ חוק — אַז ער פאַרדעקט די טריפה סחורה, ער טהוט תשובה, אָבער די וואָס פאָלגען נישט, און די טריפה סחורה בלייבט, ער געהט אין שוהל און מעהר טהוט ער גאָר נישט. זאָל ער וויסען אַז ער אַליין איז שולדיג . . . „משפט לאלהי יעקב", דאָן איז אַ משפט צו גאָט אויף די פראָסטע „יעקב" וואָס ער ווערט גערופען „יעקב" — דער פאַרקער־פערטער נפש — וואָלט ער האָטש פאַרדעקט, ווייל גאָט ב"ה קוקט „באשר הוא שם" — ווי ער איז איצט . . .

---

איך וויל דאָ דערמאָנען אַ פאָר זאַכען, וועלכע איך האָב שוין אין מיין ספרים דערמאָנט, סתם אַ פאָר ווערטער וועלכע זיינען נוצבאָר.

דער מענש איז געגליכען צו אַ בוך, וועלכען פון דרוק מוז זיך מאַכען איינינע פעהלערען, מאַכט מען דאָרום ביי דער

ענדע פונ׳ם בוך א לוח הטעות, אין דעם און דעם פיידזש, אין די און די שורה שטעהט דער ווארט אזוי, און עס דארף זיין אט אזוי, — דער מענש מאכט פעהלערען א סך אין דעם יאהר, עס קומט ביי דער ענדע יאהר, פיקסט ער די מיסטייקס, ודו״ק. —

פון ראש חודש אלול זאגט מען אונז אן, אז עס פרינטעד זיך א נייער וויכטיגער בוך, א זעלטענער ספר, — א ספר וועל־כער איז נוצבאר פאר דער וועלט, אין כלל, און פאר יעדען מענשען אין פרט, און מען לאזט אונז וויסען אז מיר קענען פאר דריי טאלער קריגען דעם בוך, און דער בוך הייסט ספר החיים א בוך פון לעבען פאר זיך, פאר דער פרוי, פאר די קינ־דער און איינצאהלען דארף מען די סארט דריי טאלער צום — קול — ממון — ותשובה ותפילה וצדקה, גליקליך זיינען די וועלכע צאהלען איין, און קענען אריינברענגען אין הויז דעם ספר החיים. —

# סוכות

## סוכות — שמחת תורה — ט"ו כסלו — חנוכה

„ולקחתם לכם ביום הראשון וכו' וכי ראשון הוא ?
אלא ראשון לחשבון עונות".
(מדרש אמור)

די תורה האָט געזאָגט, איהר זאָלט נעהמען צו אייך דעם ערשטען טאָג, די פיער מינים, פרעגט דער מדרש, איז דען דאָס דער ערשטער טאָג עס איז דאָך דער פופצענטער טאָג ? ענטפערט דער מדרש, דאָס מיינט דער ערשטער טאָג צום חשבון פון די זינד.

די גמרא זאָגט אין (סוכה ל"ח) שהיה רבי אליעזר בן עזריה מנענע בלולב ואמר גירא בעיניך דשיטנא ראב"ע האָט געשאָקעלט דעם לולב און געזאָגט א פייל אין דיינע אויגען שטן, וואָרום האָט ער ניט געזאָגט סתם גירא לשטן, וואָס עפּעס אין דיינע אויגען שטן ?

יום הכפורים האָבען מיר מנצח געווען דעם שטן, מיר האָבען איבער איהם געזיגט, קענען מיר מיינען, אז דער יצר הרע איז שוין אנטלאָפען פון אונז, און ער יאָגט מעהר נישט נאָך אונז, אדרבה, גלייך נאָך יום הכפורים האָט ער זיך אומגעקערט נאָך רודף'ן דאַרפען מיר וויסען זיין, זיך צו שטאַרקען אין דער מלחמה און איצט ערשט זיך צו שטעלען געגען איהם.

דאָרום ווען ראב"ע האָט גענומען דעם לולב, האָט ער געזאָגט „גירא בעיניך דשיטנא" מיר זאָלען נישט מיינען, אז פון יום כפור איז ער טאַקע אנטלאָפען און מיר יאָגען איהם

נאך זיין „עורף״ נאקען, ווי דער שטייגער איז אז דער וואס אנטלויפט, קומט אוים צום יאגער מיט׳ן נאקען, ניין ניין, ער שטעהט שוין ווידער מיט זיינע אויגען געגען אונז. גירא בעיניך דשיטנא — ווייל עס הויבט זיך ערשט אן דער חשבון עונות, דאס איז דער ערשטער טאג, עס איז אפילו אוועק גע־גאנגען שעהנע עטליכע טעג שוין פון יום כפור, ווארום רופט אן דער מדרש דעם פופצענטען טאג ראשון לחשבון עונות ?

נאר עס קען זעהר ריכטיג פארענטפערט ווערען, באלד אויף מארגען הויבען אן אידען גרייטען זייער סוכה, אין דער היים פלעגט מען באלד אין אוועגד פון מוצאי יום כפור אדער גאנץ פריה ארייגקלאפען א פלעקעל. אט דא ווערט געמאכט ווערען די סוכה, אבער דעם פופצענטען טאג נעהמט מען דעם אתרוג, און דא אין דער מצוה איז דאס רוב עמי הארצים, קויפען אן אתרוג צוליעב גאוה, ווי באוואוסט וואס דוד האט געזאגט „אל תבואני רגל גאוה״ איז ראשי תיבות אתרג, דאס איז ראשון לחשבון עונות, ודו״ק.

# סוכות

ולקחתם לכם ביום הראשון וכו׳ וכי ראשון הוא והלא ט״ו הוא אלא ראשון לחשבון עונות.
(מדרש אמור)

איך האב א סאך מאהל געזאגט אז דער ראשון לחשבון עונות מיינט נישט דער מדרש אויף דעם פופצענטען טאג דאס מיינט דעם ערשטען טאג סוכות, נאר דאס געהט אויף דעם אתרוג, ווייל די גמרא דרשה׳נט „ולקחתם לכם משלכם״ פון אייער געלט כשר געלט, אבער נישט פון גזילה געלט, רש״י זאגט אין פ׳ נח לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל —

אַלע עבירות האָבען זיי אָפגעטאָהן. אָבער דער גזר דין אויף זיי איז פאַרזיגעלט געוואָרען נאָר צוליעב גזילה, ולקחתם לכם משלכם ביום הראשון, עס איז דאָך גאָר דער פופצענטער טאָג ענטפערט דער מדרש, ווייל עס דאַרף זיין לכם פון „משלכם" אייער געלט און אויב איהר קויפט אַן אתרוג פון גזילה געלט, זייט וויסען אַז די גזילה איז „ראשון לכם לחשבון עונות", אַז מען דאַרף רעכענען אייער חשבון פון די זינד אייערע איז גזילה דער ערשטער חשבון, ודו"ק.

---

## חתן תורה חתן בראשית

שמחת תורה, רופט מען אויף בעפאָר חתן תורה, נאָכ־דעם חתן בראשית, בראשית איז פילאָזאָפיע, די חכמה פון דער בריאה, איז צו פאַרשטעהן, אַז עס איז פאַרהאַן אַ באַ־שעפער, אָבער פילאָזאָפע אָהן תורה איז אַ געפאַר, ניט אַלץ קען מען מיט שכל דערגעהן, און אַמאָהל איז דער שכל אויך זעהר קרום, דארום לייענט מען בעפאָר חתן תורה, און אַז עס איז פאַרהאַן תורה, איז אַ מצוה צו שטודירען דעם יודענטהום חתן תורה, נאָכהער חתן בראשית.

---

## שישו ושמחו בשמחת תורה

משל, אַ חתן וכלה, איז אַ מצוה משמח צו זיין, אין דעם טאָג פון זייער חתונה, און אַז מען זעהט אַז דער חתן איז פרעהליך, נאָר די כלה איז אומעטיג, איז דאָס אויך ניט גוט, זיי מוזעןביידען משמח זיין, אַזוי איז דאָ פיעל וואָס פרעהען זיך מיט דער תורה די כלה שמחת תורה, צוליעב אַ כוס וויין, און כדומה, אָבער אַ גאַנץ יאָהר, האָט ער נישט געלערענט,

נישט געטאָהן איהר „רצון". ישראל דער חתן איז פרעהליך. אָבער די כלה די תורה נישט. זאָגען מיר „שישו ושמחו" פרייט זיך אידעלאך, אָבער „בשמחת תורה" מיט דעם פרייד פון דער תורה, אז די תורה זאָל אויך קענען זיין פריילוך, ודו"ק.

---

# סוכות

## האזרח בישראל ישבו בסוכות
## (אמור)

וואָרום האָט די תורה געזאָגט דעם וואָרט אזרח נאָר ביי מצות סוכה אליין? דער תירוץ איז, דאָס ווער עס דענקט, אז זיי האָבען אַ דירת קבע, אַ שטענדיגע דירה וואו אירגענד אין גלות, זאָגט די תורה, האָב קיין טעות נישט, מיין אידעלע, אָפילו „האזרח בישראל ישבו בסוכות", ודו"ק, — אויך אמע־ריקאַ אין כלל.

---

# אתם אפילו שוגגין

## מועדי ד' אשר תקראו אותם מקראי קודש
## אלה הם מועדי.

זאָגען די חכמים /אשר תקראו אותם קרי ביה אתם — אתם אפילו שוגגין אתם אפילו מזידין, לייענט גיט דעם וואָרט אותם, זיי, נאָר „אתם" איהר. — איהר אפילו איהר זייט שוגגין, איהר אפילו איהר זייט מזידין. האָט אַ רבי געזאָגט אז די חכמים האָבען אונז געגעבען רשות איבער צו מאַכען דעם וואָרט „אותם" פאַר „אתם", הייסט אַ פשיטא דפשיטא, וואו עס שטעהט טאַקע „אתם" איז דאָך געוויס גוט דער „דרש" — און עס שטעהט בפירוש, „בנים אתם לד' אלהיכם"

איהר זייט קינדער צו אייער גאָט, קען מען דאָך געווים דרשה'נען „אתם" איהר אפילו שוגגין, אתם איהר אפילו מזידין, אפילו מיר זינדיגען במזיד זיינען מיר אלץ „בנים למקום" און ממילא ליגט דער חוב אויף דיר גאָט, רחמנות צו האָבען אויף דיין קינד. (מתוק מדבש).

---

## סוכות ושמחת תורה

חתן תורה, חתן בראשית, — דיא צוויי וואָס מען רופט אויף מיט דעם נאָמען חתן תורה, חתן בראשית, ווייל די תורה ווערט גערופען ביי אונז מיט דעם נאָמען כלה, ווי עס איז דערמאָנט אין אַ סך מדרשים, נאָר איין זאָך איז אַ וואונדער אַ כלה זאָל האָבען צוויי חתנים? בפרוש זאָגען די חז"ל (קידושין ז') האומר „חציך מקודשת לי אינה מקודשת" — ווייל, „דאיתתא לבי תרי לא חזיא" אָבער אונזער תורה האָט דאָך 2 חתנים. איין חתן וועלכער היט אָפּ, צו קומען אין שוהל און הערט אַלע שבת קריאת התורה פון „בראשית", ביז „לעיני כל ישראל", נאָך אַ חתן, וועלכער איז זיך מתחתן מיט איהר נאָר אין אָנפאַנג, נאָר אין טאָג פון שמחת תורה, און אין פ' „בראשית" און נאָכדעם פארלאָזט ער איהר.

נאָר דורך דיא פלוגתא פון רשבי"ח און ר' ישמעאל, נאָך דער דיעה פון ר' ישמעאל איז מותר פאר'ן מענשען צו אַקערען אין דער צייט, און זייען ווען מען דאַרף זייען שניידען ווען מען מוז שניידען און דאָס איז מותר נאָך די סברא פון ר' ישמעאל, דארום ווערט גערופען איינער חתן תורה, וועלכער ער היט אָפּ דיא כלה פון אָנפאַנג יאָהר ביז די ענדע. און צו דעם צווייטען רופט מען חתן בראשית אין פ' בראשית הויבט ער אָן און נאָכדעם איז ער זיך נוהג מנהג דרך ארץ, און שעצט אויך, דעם חתן וואָס האלט איהר אַ גאַנץ יאָהר.

## ט"ו כסלו

„טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה
באשר הוא סוף כל האדם".
(קהלת)

דער מענש וואָס איז איינגעוואָהנט צו געהן צו אַ „בית אבל" ער דערמאָנט זיך שטענדיג דעם טאָג פון טויט, פון איין זייט איז דאָס אַ טייערע סגולה, קעגען יצר הרע, נאָר פון דער אַנדער זייט איז עס ניט אַזאַ מעלה, עס קען נאָך זיין אַ חסרון, מען קען ניט מבטל זיין די עניני העולם הזה אין גאַנצען, דער מענש דאַרף אויך לעבען אויף דער וועלט, און הנאה האָבען פון דער וועלט, דאַרום די חברה קדישא וואָס זיינען געוואָהנט תמיד צו געהן צו בית אבל און נאָך מעהר זיי אַליין זיינען זיך מתעסק בטהרת המת און מיט זיין קבורה, זיי דערמאָנען זיך שטענדיג דעם יום המיתה צו פיעל, דאַרום מאַכען זיי ט"ו כסלו אַ סעודה צו ווייזען אַז פון דיא וועלט ווי לאַנג מען לעבט דאַרף מען טאַקע אויך געניסען, געפּאַסט האָבען זיי, אָבער אויך אַ סעודה אַ שעהנע, די וועלט איז וועלט ווי לאַנג מען לעבט.

---

## ט"ו כסלו

ויעבור את מעבר יבק וכו' וישראל יהיה שמך.
(וישלח)

דאָס איז דער גורל פון אַן אדם ישר וואָס דאַרף זיך ראַנג־לען מלחמה האַלטען מיט'ן שר של עשו הוא השטן, ביז ער דאַרף אריבער דעם מעבר יבוק, דאָס איז דער ספר תפלת

החולים און גוססים, און אויב ער איז מנצח דאַן איז „ישראל יהיה שמך”, ודו”ק.

---

## ט״ו כסלו

„גר ותושב אנכי עמכם תנו לי אחוזת קבר עמכם ואקברה מתי מלפני”.
(חיי שרה)

עס איז באַוואוסט וואָס דער רמב”ן שרייבט, דאָס זייער מנהג איז געווען, דאָס יעדער תושב האָט געהאַט אַ פאַמיליען סעמעטערי פאַר זיך אַליין און ער אַליין פלעגט מקבר זיין דעם מת פון זיינע אייגענע, און פאַר אַ פרעמדען, האָבען זיי גע־האַט אַ כולל סעמעטערי און די שטאָט מענשען פלעגען מקבר זיין דעם בר מנן, — אברהם האָט ניט געוואָלט אַז זיין נביאה שרה זאָל ליגען צווישען רשעים, אויף דעם כלל בית הקברות, און די רשעים זאָלען זיך מתעסק זיין מיט דעם הייליגען קער־פער, האָט ער געזאָגט, זייט וויסען גר ותושב, איך בין טאַקע אַ פרעמדער, אָבער איך בין אויך שוין אַ תושב ביי אייך, תנו לי אחוזת קבר, גיט מיר אַ פאַמיליען גראַב „ואקברה את מתי” און איך אַליין וועל מקבר זיין מיין בר מינן, ניט איהר זאָלט איהר מקבר זיין.

---

## ט״ו כסלו

גר ותושב אנכי עמכם תנו לי אחוזת קבר וגו'
(חיי שרה)

עס ווערט דערצעהלט, דאָס בעפאָר מען האָט אונזערע ברידער אַרויס געטריבען פון שפאַניען האָבען זיי געפאָדערט

דריי זאכען אז זיי ווערען עס נאכגעבען וועט מען זיי נישט טשעפען, ערשטענס, ניט צו האבען א מקום מיוחד פאר תפלה, קיין שוהל, קיין פלאץ, און מען וועט זיי ניט צווינגען צו געהן מתפלל זיין אין זייער טומאה, ניט צו האבען קיין בוטשארעס אידישע באזונדער, און מען וועט זיי ניט צווינגען צו קויפען זייערע פלייש, דריטענס, ניט צו האבען קיין אייגענע אידישע סעמעטערי נאר אידען זאלען בעערדיגט ווערען אויף זייער קהל'שען סעמעטערי. — עס איז געווען אסיפת הרבנים, פון גאנצען לאנד, און אויף די ערשטע און צווייטע האבען זיי געוואלט מסכים זיין, מען זאל דאוונען ביחידות, און מען זאל זיך לערנען צו קוילענען אליין און אז ניט זאל מען קיין פלייש ניט עסען, אבער אויף די דריטע, ווענען בית הקברות האבען זיי בשום אופן ניט איינגעוויליגט . . . דאס בעט אברהם אויך. „תנו לי אחוזת קבר ואקברה מתי מלפני, ודו"ק.

# חנוכה

הדודאים נתנו ריח זה ראובן בשעה שהציל את יוסף
ועל פתחינו כל מגדים זה נר חנוכה שעל הפתח
(מדרש וישב)

דער שייכות פון דעם המשך, איז אזוי — ווארום האָט מען אָפּגעשטעלט דעם נס פון פך השמן מיט די חנוכה ליכט, דאָס מען דאַרף אָנצינדען ביי דער טהיר פון רשות הרבים, פאַר'ן גאָס צוליעב פרסום הנס, ווארום פסח איז נאָר אין הויז? פורים צוליעב דעם גרויסען נס, נאָר אין הויז? מיט מגילת אסתר, און ניט קיין פרסום פאַר'ן גאָס? יענע נסים זיינען אַנדערש, דען דער נס אַליין איז געווען מיט פרסום פאַר די אומות, אָבער דער נס פון חנוכה מיט דעם פך השמן, דאָס האָבען נאָר געוואוסט „יחידי סגולה" נאָר די כהנים עטליכע, און דער וואָס וויל נישט גלויבען, געפינט שוין דאָ במילא ניט צו גלויבען, ווייל דער נס איז אַ באַהאַלטענער, דארום האָט מען געהייסען אָנצינדען די ליכט בפרסום, און טאַקע אַזוי איז אויך געווען ביי ראובן, וואָס ער האָט געוואָלט מציל זיין יוסף הצדיק. דערווייל האָט ער געבעטען מען זאָל איהם אריינוואַרפען אין גרוב און געטראַכט האָט ער זיך „להשיבו אל אביו", ער זאָל איהם שטילערהייד באַלד אַרויסנעהמען און איהם ברענגען אַהיים. די פיינע כוונה האָט קיינער ניט געוואוסט, נאָר דער פסוק האָט מפרסם געווען, ווייל קיינער וועט דאָך ניט וויסען וואָס ראובן האָט געטראַכט, האָט דיא תורה מפרסם געווען, אַט שטימען דיא ביידע מאמרים צוזאַמען. —

---

## חנוכה

(מ׳ כ׳ ב׳ י׳)

מכבי מאַכט, מתתיהו כהן בן יוחנן. —

---

## חנוכה

„בית הלל סובר מוסיף והולך"
(שבת כ"ב)

דער מענש ווערט גערופען הולך, ער דאַרף געהן העכער און הייליגטהום פון טאָג צו טאָג, מוסיף והולך, ודו"ק.

---

## חנוכה

נר חנוכה מצוה להניח על פתח ביתו.

דער איד דאַרף זיך ניט שעהמען צו זאָגען אַז ער איז אַ איד אַפילו אויב ער ווייסט אַז מען וועט לאַכען פון איהם, מאַכט ניט אויס, דוא שטעל אַוועק דיא חנוכה ליכט ביי דיין טהיר אַלע זאָלען זעהען, דוא שעהם זיך ניט. —

---

## חנוכה

„ואם דר בעליה צריך להניח בחלון סמוך לרשות הרבים".

דער רב, דער מנהיג וועלכער שטעהט אָן דער שפּיצע פון פאָלק דאַרף אַוועק שטעלען די ליכט אויך אף דער ווינדאָ

וועלכע געהט צום גאס, ער דארף לייכטען פאר אנדערע דעם דרך ד׳ — ניט פאר מאכען זיינע אויגען אום ניט צו קוקען וואס דער פאלק טהוט. ער אליין דארף זיין דיא ליכט צו בע-לייכטען דיא גאס דעם רבים, זיי פיהרען און גוטען וועג.

---

# חנוכה

## גם נשים חייבות בנר חנוכה — ואסור להרצות מעות נגד נר חנוכה.

זייט וויסען דאס ערציהען א קינד צום דת ישראל דארף קאסטען געלט און מען טאר ניט קארגען, דיא בעסטע מלמדים נעהם און מען טאר ניט צעהלען דיא געלט דאס הייסט זאגען עס קאסט דיר צופיעל דער מלמד, דוא וועסט נעהמען א בילי-גער מלמד, ניין, דוא פאטער ביסט מחויב, און דו מוטער ביסט אויך מחויב, גם נשים חייבות בנר חנוכה, ניט פארלעשען זיין נשמה׳לע.

---

## עד שתשקע חמה וכלה רגל מן השוק.

ביז עס האלט ביים אונטערגעהן דיין לעבען, ביז דער ענדע פון דיין לעבען, דארפסטו אלץ אנזאגען דיינע קינדער זיי זאלען היטען דעם דרך ד׳.

---

## חנוכה

„ואם מתיירא מניח על פתח ביתו מבפנים".

אויב ער האָט מורא פאַר לצים, אַזוי ווי עס איז איצט אין סאָוויעטען לאַנד קאָמוניסטען לצים אידישע, די וועלכע זיינען ערגער פאַר די לצים פון די אומות, זאָל ער אָבער אָנ־צינדען די אידישע ליכט אינעווייניג.

---

## חנוכה

„סלם היה לפני המנורה ובה שלשה מעלות שעליה כהן עומד ומטיב הנרות".
(ילקוט תרומה)

דער כהן, דער מנהיג, דער רב, דער דרשן, וועלכער וויל בעלייכטען דיא וועג די אמת'ע פאַר אַנדערע, דער דאַרף האָבען דריי מעלות טובות ,דאָס ערשטע, ער אַליין מוז זיין בעלויכטען מיט מעלות התורה והמצוה, די צווייטע מעלה, ער דאַרף בעלייכטען זיינע קינדער מיט דיא מעלת התורה והמצוה, די דריטע מעלה איז צו בעלייכטען זיינע מענשען פון זיין שטאָט. (קוקט אין מאמר און פאַרשטעהט).

---

## חנוכה

חשך זו מלכות יון שהחשיכה עיניהן ולבן של ישראל בגזירותיהן שאמרו כתבו על קרן השור שאין לכם חלק באלוהי ישראל.

די כוונה פון דעם רשע איז געווען, צו זאָגען זיי, שרייבט אייך אויף די הערנער פון דעם אָקס, דעם עגל וואָס איהר האָט

געמאַכט נאָך די פערציג טעג פון אייער משה'ן, אויף דעם סיני, נאָך אייער זאָגען נעשה ונשמע, האָט איהר דאַן ניט באַוויזען אַז איהר האָט געלייקענט אין דעם אלהי ישראל, אַז איהר האָט ניט קיין חלק אין איהם מעהר. — געהט צו — צו דעם אָקס וואָס זיין געוועלטיגקייט איז די הערנער, האָט איהר דאָך אָנגענומען זיין ממשלה טאָ וואָס און צו וואָס מאַכט איהר זיך פאַר צדיקים בלאָפערס, — דער רשע ווייסט אָבער ניט אַז תשובה העלפט, און זיי האָבען תשובה געטאָהן, און דעם עגל האָבען גאָר געמאַכט די ערב רב.

---

ומצאו פך אחד מונח בחותמו של כהן גדול.
(שבת כ"ב)

דער כהן, אַלעם קומט פון כהן, און איצט פון רב פון שטאָט, אויב דיא כהנים די רבנים בלאָנזשען, וואָס זאָל טאָהן דאָס פאָלק. אם הראש לחלי, אויב די קאָפּ איז קראַנק, דאַן „וכל לבב דוי" זיינען דיא הערצער דיא בעלי בתים געוויס צוווייטאגט, אוועק פון וועג, דער אוהל יעקב פון הגאון הצדיק ראש הדרשנים ר' יעקב מדובנא זאָגט, „על פיהם כל ריב וכל נגע, אַלע קריגערייען, מחלוקות פירוד לבבות קומט נאָר „על פיהם", — דער רב וואָס איז פון די שומרי התורה, ער טהוט אויף גוטעם אויף דער וועלט, און וואויל צו איהם וואויל צו זיין נשמה, ער איז גליקליך און מאַכט אַלעמען גליקליך. דאָס איז דער רמז וואָס זיי האָבען געפונען אַ קריגעל אָיל פאַרזיגעלט מיט'ן זיגעל חותם של אמת פון כהן גדול, פון איהם איז אַרוים דיא ליכט, דאַרום איז יעדער מחויב, אויפ־צופאַסען אויף זיין הויז און אויף זיינע מיט מענשען. מלחמה צו האַלטען קעגען דעם „רוח הזמן", ווי עס האָבען געטאָהן די חשמונאים. —

# חנוכה

בריש הלכות חנוכה, שרייבט דער ט"ז אויף דיא פראגע פון ב"י, ווארום מיר מאכען אכט טעג חנוכה, אויף איין טאג איז דאך געווען דער פך השמן, איז דאך נאר דער נס אויף זיבען טעג, האט מען דאך נאר געדארפט זאגען הלל, נאר זיבען טעג, ענטפערט דער ט"ז, מיט'ן זוהר הקדוש, וואס ער זאגט ביי אלישע, וואס ער האט געפרעגט צו דער אשה, הגידי לי מה יש לך בבית, וואס האסטו ביי דיר אין הויז, ווייל די אויבערשטע ברכה איז ניט חל אויף ליידיגען „פתורא רקנייא" דארום דעם פך וואס זיי האבען געפונען דאס אליין איז דער נס, מיט דעם פך, כדי עס זאל זיין אויף וואס חל צו זיין די ברכה, — איז דאך דאס אליין א נס דארום האבען זיי אפגע־שטעלט אכט טעג.

---

## היינטיגע קינדער

דריי באיעס וועלכע האבען זיך געהאלטען פאר חכמים, האבען געטראפען אן אלטען פרומען אידען, זאגט איינער, העלאו רבי אברהם, איינער האט איהם באגריסט, העלאו רבי יצחק, דער דריטער העלאו רבי יעקב, האט זיך דער איד אפ־גערופען, איך בין ניט אברהם, ניט יצחק, און ניט יעקב, מיין נאמען איז שאול דער זוהן פון קיש, וועלכער איז געגאנגען זוכען די דריי אייזלען און האב זיי איצט געפונען.— (און דאס זיינען זיי טאקע היינטיגע).

---

## היינטיגע קינדער

— מוטער — מיין קינד, אזוי שנעל שוין געדאווענט, איך האב אפילו גארניט געזעהן.

— זוהן — מאמע, איך האב גוט געדאווענט, א סימן קען איך דיר ווייזען, אט איז נאך די שפייעכץ, וואס איך האב צו „עלינו" א שפיי געטאהן. (יא אמת, זיי האבען שוין אויס־געשפייעט אונזער עלינו לשבח . . .).

---

## אהן א תורה

ווער עס ערלויבט זיך צו פיעל פרייהייטען געגען געזעץ ביי דעם נעהמט דאס געזעץ אוועק די פרייהייט. —

---

# לפסח

„ויאמר אל אביו קום נא שבה ואכלה מצידי.
(פירש רש"י שבה לשון מיסב אל השולחן)
(תולדות)

וואס איז דער ענין די הסיבה לכאן, עס וויזט אונז אן רש"י הקדוש אף א פריהערדיגען פסוק ווען רבקה האט פאר־זאגט יעקב צו נעהמען צוויי ציגעלאך, זאגט דארט רש"י א' לפסח, זעהען מיר אז דאן איז געווען פסח, און דארום האט ער איהם געבראכט מטעמים „לחם ויין", די ברויט איז מצות און וויין צו די ארבע כוסות, און די ארבע כוסות דארף זיין ביים טיש בהסיבה שמאל, דארום האט ער איהם געזאגט קום נא שבה, דאס וואס רש"י לייענט קום זעץ זיך צום סדר.

---

„אל מוציאם ממצרים כתועפות ראם לו".
(בלק)

בלעם זאגט אזוי פיעל צרות האבען זיי אין מצרים גע־ליטען, גערעכענט געווען ווי שעפסעלאך צו דער שחיטה, און דאך האבען זיי געהאלטען זייער נאמען, און שפראך, און זייער גאנג און זייערע מלבושים, איז דאס געהערט געווארען אז א פאלק פון וועהניג מענשען און זיך האלטען אזוי, ניין, קיינער וועט זיי ניט באזיגען ,ניין. —

---

ויקח משה את עצמות יוסף עמו וכו׳ פקוד יפקוד אלהים אתכם והעליתם וכו׳.

יוסף האט זיי פארזאגט, איך ווייס אז זיי וועלען ארוים רייך פון מצרים, דאס קען זיי אראפ ברענגען פון דרך הישר, דארום האט ער זיי אנגעזאגט, מיינע טייערע, פקוד יפקוד אלהים אתכם, אז גאט וועט אייך מאכען פעלען פון דער וועלטעלע, איהר וועט אויך שטארבען, זאלט איהר דעם מוסר האבען לעבעדיגערהייד פון מיר, איך בין געווען רייכער פאר אייך און איך בין ניט אראפ פון וועג, — והעליתם את עצמותי מזה אתכם נעהמט מיט מיין רייכקייט וואס מיר איז געבליבען נאר די ביינער מיינע אבער אויך והעליתם את עצמותי, נעהמט מיט זיך מיין עצם מיין פיהרונג מיט אייך, ודו״ק.

---

## סדר — קדש

קדש, ווילסטו זאגען יענעם ווי צו זיין א איד, ווילסטו ? דיין שטאט אלס מורה דרך זיין ? ווילסטו דיין קינד זאל דיר געהארכזאם זיין אין דרך ד׳, דאן קדש, מאך דו קידוש, מאך דו הבדלה, הייליג דעם טאג וואס הייליג איז, מאך הבדלה, אן אונטערשייד פון קודש ביז חול, פון כשר און טריפה, פון מותר צו אסור, דאן וועט העלפען וואס דו זאגסט. —

---

## ו ר ח ץ

ורחץ, וואש דאן ארום דיינע הענט אויך, מיט בין אדם למקום אליין, ביזטו נאך קיין איד ניט, נאר אין געגענטייל

וואָס דו טהוסט אויף, און בין אדם לחבירו ביזטו שלעכט איז דער חילול השם גרעסער, ורחץ, וואש דיינע הענט, האָב ריינע הענט פון גזילה, האָב גוטע באַלזאם באַשמירט אויף דיינע הענט פון צדקה באַלזאם. —

---

## כ ר פּ ס

כרפּס, האַלט זיך ניט גרינג צופיעל, זיי ניט צופיעל עניו, ווער בין איך וואָס בין איך, אַ אדם שפל, ונבזה, און צופיעל עניוות טויג ניט כידוע.

---

## י ח ץ

יחץ, טהייל אַף העלפט, געה אין שביל הזהב, אין מיטעל וועג, וואו מען דאַרף, ווי מען דאַרף, און ווען מען דאַרף תקיפות אָדער עניוות, — צוטהייל זיך.

---

## מ ג י ד

מגיד, זאָג דיינע בעלי בתים, דאַן קענסטו זאָגען ווייל זיי קענען אויף דיר ניט געפינען קיין פלעק, מגיד, דאַן קענסטו זאָגען דיינע קינדער אין כלל דיינע הויזגעזינד, און זאָ ווייטער.

---

## ר ח צ ה

רחצה, זאָג צו זיי וואַשט אייך אָרום, צום ערשטען מוציא מצה, ציהט אַרויס די שטיקעל מצה פאַר'ן צווייטען, בין אדם לחבירו איז צו ערשט „ואלה המשפטים" בין אדם לחבירו דינים, „אשר תשים" וועלכע דו משה מוזט פאַר זיי טאָהן לערנען, לפניהם, בעפאָר די דינים פון בין אדם למקום.

---

## מרור כורך

מרור כורך, דו אָרעמאַן וואָס וויקעלט זיך דיין לעבען גאָר מיט מרור, מיט ביטערקייט, זיי אַ איד. —

---

## שלחן עורך

שלחן עורך, דו גביר, וואָס דו האָסט דאָ בעולם הזה אַ געגרייטען טיש, דיר פעלט גאָר ניט, זיי אַ איד — בין אדם לחבירו בין אדם למקום.

---

## צ פ ו ן

צפון, דו געהסט עסען דעם בעהאַלטענעם אַפיקומן, דאָס לערענט דיר אַז דוא זאָלסט אָפּגעבען דיין ברויט צום אָרעמאַן ברעך איבער די מצה אונטער דעם קישען בּאַהאַלטענעם גריי-טען פאַר'ן צוקאָפּענס אין קבר דו הערשט, דערצעהל ניט אַז דיין ווייבעל האָט דיר גע'גנבה'ט דעם אַפיקומן וואָס דו

דארפסט בעהאלטען. ניין זאָג עס ניט אָדער דיינע קינדער האָבען אַרויסגענומען, אומגליקליך איז דער מאַן, אומגליקליך איז דער טאַטע פון וועלכען מען גנבה"ט דעם אפיקומן.

## ברך הלל נרצה

ברך הלל נרצה, אַז דו טהוסט אַזוי בענש גאָט ליעב גאָט, זאָג הלל צו גאָט ווייל דו ביסט באַווילגט צו גאָט, און צו מענשען וואויל צו דיר, וואויל צו דיין נשמה, — דאַן קוק איבער צוריק דעם סדר, און דו וועסט האָבען אַ ריכטיגען קדוש, ניט ווי איך שילדער צוריק אין דעם סדר לעז. —

## ק ד ש

קדש, ווען איך הער נאָך עלינו, אַ יתום פון 23 יאָהר אָדער נאָך עלטער, אַז ער זאָגט קדיש — נאָך זיין טאַטען אָדער מאַמען, בעקאיעקען וביעמעקען, ובקאיע וכו׳ דאַן ורחץ דאַרף מען זיך אַרום וואַשען מיט טרערען. כרפס, מען דאַרף גרין ווערען ווי אַ גראָז, יחץ, מען דאַרף קריעה רייסען, מגיד, אָט דאָס זאָגט פאַר׳ן עולם איהר רבנים דרשנים מגידים און מטיפים. —

בשו"ע או"ח, אין דעם אָנפאַנג פון הלכות פסח, — הויבט אָן דער רמ"א :

מנהג לקנות חטים לחלק לעניים לצורך הפסח. עס איז אַ מנהג צו קויפען ווייץ עקסטרא פאַר אָרימעלייט צו־צוטיילען

זיי אויף פסח, ער הויבט ניט אָן מיט ביעור חמץ, ניט מיט הגעלת כלים, נאָר מיט דעם דין, אַפילו די דינים פון מצה לאָזט ער אויף שפּעטער, און געהט צום ערשטען צו דעם מנהג. און דער בעל הגדה האָט אויך אַזוי געטאָהן אוועק געלאָזען דער ווייל די מצוה פון ספורי יציאת מצרים און אויסגעשריען כל דכפין וכו׳ וק״ל וד״ל.

---

## לפסח

**הא לחמא עני (כהא לחמא עניא) וכו׳ כל דכפין ייתי ויכול וכו׳ וכו׳.**
**(הגדה)**

עס איז פּארהאַן פּלעצער, וואָס זיי זאָגען נעבעך „הא לחמא עניא" די זעלבע צרות און פיליכט נאָך ערגערע האָבען מיר, ווי אונזערע עלטערען האָבען געהאַט אין מצרים, דאָרט איז האָטש געווען כל דכפין ייתי ויכול, ווער עס איז הונגעריג געווען האָט געהאַט וואָס צו עסען, ווי זיי האָבען אליין געזאָגט, זכרנו את הדגה וכו׳ זכרנו את סיר הבשר, — אכלנו לחם לשובע, — זיי בעטען השתא עבדי לשנה הבאה בני חורין. —

---

## כהא לחמא עניא וכו׳.

אין די פרייע לענדער, וואו כלומרשט מיר זיינען נאָך צו דערליידען, מען פּילט אויך גלות, מען בילט געגוג, מעהר ווי בלעם ביי פרעה, אָבער נאָך גאָט צו דאַנקען, מיר זאָגען אין די פרייע לענדער „כהא" אַזוי ווי די. עס איז ניט די זעלבע

עניא דיא אכלו אבהתנא אָבער נור „כהא״, דאַכט זיך ביי אונז אין די פרייע לענדער איז דאָך כל דכפין ייתי ויכל און אידיש-קייט איז פריי כל דצריך ייתי ויפסח — דאָך דאָך רבש״ע מיר בעטען דיר השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל ווילען מיר זיין רבש״ע און הלואי קענען מיר זיי זאָגען פארקערט ווי מען זאָגט צום בין „לא מדובשך ולא מעוקצך וק״ל. —

---

## סדר — כרפס

### (הגדה)

כרפס, ווייסטו אז עס איז פאראַן אָרימע לייט וואָס האָבען גאָר ניט אויף פסח הלואי האָבען זיי נאָר אביסעל גראָז און קאַרטאָפעל צו טונקען אין די געזאַלצענע וואסער, דאָס איז די טרערען פון זייערע אויגען.

---

## י ח ץ

יחץ, דאַרום פאַרזאָג איך דיר מיין ליעבער, אז דו זאָלסט צוברעכען די מצה, איבער העלפט, און געבען צו דעם וואָס האָט ניט. יחץ, מיט דעם וואָס די האלבע מצה ווערט ליגען ביי דיר אונטערען זייט, מיט דעם מיינסטו מקיים צו זיין יחץ, ניין, מיין טייערער, דו ביזט ניט יוצא. . .

---

# מ ג י ד

מגיד, דאַן אַז דו האָסט מקיים געווען „קדש" געמאַכט הכנה צום קידוש . . . מיט ורחץ, ווי איך האָב דיר געשריבען . . . ווייל עס איז פאַרהאַן כרפס, פאַרגרינטע פאַרגעלטע פּנימער אָרימעלייט אַ סאַך . . . דאַרום האָסטו מקיים געווען יחץ — ווי איך האָב דיר דערקלערט, דאַן מעגסטו זאָגען הגדה, אָנפאַנגען מיט „הא לחמא עניא", און זאָגען דאָרטען „כל דכפין ייתי ויאכל" ווער עס איז הונגעריג מעג קומען עסען, אויב דו האָסט עס ניט אַזוי געטאָהן, ווי איך האָב דיר דאָ דערקלערט און דו זאָגסט „כל דכפין ייתי ויאכל כל דצריך ייתי ויפסח" ביזטו דאָך אַ בלאָפער, אַ שקרן, אַ כזבן, אַ כילי, אַ רמאי, אַ נידערטרעכטיגער.

---

# ר ח צ ה

רחצה, אויב דו האָסט עס אַלעם מקיים געווען, דאַן „רחצה" מעגסטו זיך וואַשען די הענט, און דריישט אויפהויבען דיינע הענט, די כשרה, צו גאָט, און זאָגען „שאו ידיכם קודש" הויבט אויף אייערע הענט דען זיי זיינען הייליג ודו"ק. —

---

# מוציא מצה

מוציא מצה, דאַן מיין פריינט דאַנק גאָט, אויף די מצה, און מאַך המוציא אויף די מצה, און עס געזונטערהייד. —

# אין אמעריקא

ואפילו כולנו חכמים, טויג דאָ ניט, — כולנו נבונים, דאַרפען דאָ ניט,— כולנו זקנים, האָבען גאָר קיין ווערדע ניט, — כולנו יודעים את התורה, דאָס איז דאָ ניט ווערט אַ סענט, — נאָר „וכל המרבה לספר" ווער עס האָט וואָס מעהר צו צעהלען מאָני „הרי זה משובח" דער איז געשעצט און געלויבט און געהייליגט. —

---

# הגדה

דאָ נעהם דעם כוס און האַנט און זאָג והיא אָט די וויין, וואָס איז אָפגעזונדערט, וואָס מיר האַלטען אָן אָפזונדערונג און וויין ברענגט צו התחתנות והיא שעמדה לנו וכו' דאָס איז אונז בייגעשטאַנען אַז מיר זיינען נאָך חאָטש ווי מיר זיינען די ביסעלע ריכטיגע אידען וכו'.

---

# לפסח

„כוס ישועות אשא ובשם ד' אקרא נדרי לד' אשלם"
(תהלים)

אַלע הילף, אַלע גוטעס וואָס גאָט גיט מיר געהער עס צו גאָט, ער האָט עס מיר געטאָהן, און פאַר מיר, אָבער נדרי לד' אשלם, וואָס איך טוהע אין יראת ד' צוליעב וויל גאָט האָט אַזוי געהייסען, דאָס איז מיינע אַליין, און דאָס טהוט אַריין גאָט אין זיין אוצר המלוכה — יראת ד' היא אוצרו.

---

## לפסח

חכם מה הוא אומר מה העדות וכו' אשר צוה ד' אתכם וכו'
רשע מה הוא אומר מה העבודה הזאת לכם.
(הגדה)

דער אמת איז דאָך אַז מיט די קינדער האָט דאָך גאָט ניט גערעדט, נאָר צו די עלטערען האָט ער פאַרזאָגט, פרעגט דער חכם וואָס איז דאָס וואָס גאָט האָט אייך אָנגעזאָגט, אונזער גאָט, און מיר אַלע זיינען מחויב צו טאָהן וואָס ער האָט פאַרזאָגט, ער נעהמט זיך ניט אַרוים פון כלל, — דער רשע זאָגט מה העבודה הזאת לכם, וויל ער דאָך ניט די עבודת ד' דאַרום האָט ער זיך אַרום גענומען פון כלל.

---

## רשע מה הוא אומר

רשע מה הוא אומר, דער רשע, וואָס זאָגט, וואָס זאָגען היינטיגע רשעים ? זיי זאָגען, דאָס זיי — זיינען צדיקים. —

---

## לפסח

„אל תאכלו ממנו נא — ובשל מבושל במים"

דאָס איז אַן אַזהרה, ניט צו טאָהן גאָטעס מצות האַלב, און ניט דאַרפען וואַרטען ביז עס מאַכט זיך אַ צרה, ער זאָל דאַרפען מקיים זיין זיין תפלה מיט טרערען, וואָס דאָס הייסט ובשל מבושל במים, דו זאָלסט דאַרפען וויינען, נאָר וככה תאכל אותו אַזוי זאָלט איהר טאָהן אַ מצוה בזריזות, ניט מיט פוילקייט, אַזוי ווי דער פסוק ווייזט די זריזות ווייטער.

---

## דער חכם און דער נאר

דער חכם רעדט טיעף, דער נאר רעדט הויך . . .

---

## לפסח

ויׂשא העם את בצקו טרם יחמץ משארותם צרורות בשמלותם על שכמם.

בעפאר פסח, מען ראמט, מען קראצט, מען וואשט, מען קלינט, נאך 4 וואכען פאר פסח, עס זאל עפעס חמץ ניט זיין אין הויז, מען היט זיך מיט חמץ במשהו, עפעס וואו עס איז א חשש חמץ, און דעם אמת'ען חמץ, דעם חמץ וואס מיר האבען שטענדיג דעם יצר הרע, דעם עיקר „השאור" דאס ווארפט מען ניט אוועק און מען טראגט עס מיט זיך, פאר־קניפט פארבונדען מיט זיך אין די קליידער, פעמט פעסט האלטען מיר דעם אמת'ען שאור — ויׂשא העם את בצקם טרם יחמץ, מען טראגט אוועק אזעלכע שאור וועלכע עס איז נאך ניט חמץ, אבער „משארותם" זייער אייגענעם שטענדיגען „שאור", (חז"ל שאור שבעיסה מעכב זה יצר הרע) די געפערליכע שאור איז „צרורות בשמלותם" איינ־געבונדען אין זייערע קליידער די חצופה קליידער „על שכמם" וועלכע גרייכט ביז'ן אקסעל, ודו"ק היטב.

---

## החדש הזה לכם

ווייל גאט ב"ה האט זיי געזאגט דער חדש איז ראש חדשים, קענען אנדערע דענקען·אז דער מזל טלה האט עפעס

א ממש, דארום האט ער געהייסען נעהמען אלס קרבן פסח דער טלה.

---

# לפסח

## צא ולמד

### (הגדה)

צא ולמד, — אידעלע ווען מען זאגט דיר „צא", געה פון דאנען דאן ווילט זיך דיר ערשט אנהויבען לערנען אידיש־קייט. (של"ה).

---

## צא ולמד

צא ולמד, דארף מען זאגען צו די שוסטער און שניידער אין אמעריקא, די וועלכע אין סלעק טיים, ווערען זיי מלמדים, דארפען זיי זאגען איהר משחיתי דרכי ד' צבאות, געהט לערענט זיך אליין אוים עברי און נאכדעם געה לערען מיט קינדער. —

---

## יאך און שמייכעל

דער שווערסטער יאך איז לייכט, ווען איהר טראגט איהם מיט א שמייכעל.

---

## בייזקייט און גוטסקייט

עס איז פאַרהאַן אַ מין גוטסקייט וואָס שטויסט אָפּ, עס איז פאַרהאַן אַ מין בייזקייט וואָס ציהט צו . . .

---

## דיינקט ער איז א חכם.

יעדעס מאָהל, ווען אַ מענשען געלינגט עפּעס, מיינט ער אַז ער איז אַ חכם.

---

## א מענש איז ווי א בוים

אַ מענש איז ווי אַ בוים, זיין גייסטיגע קראַפט ליגט ניט אין זיין ברייטקייט נאָר אין זיין טיעפקייט.

---

## ניט פאר אלע מענשען האב מורא

ניט אַלע מענשען זיינען געפערליך, מענשען אונטער אַכט יאָהר, און איבער אַכציג איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען.

---

## לפסח

„אני ולא מלאך" וכו'.
(הגדה)

דאַ זאָגט ער אני ולא מלאך, איך אָבער ניט קיין מלאך, נאָר איך אליין, האָב אייך פון מצרים געהאָלפען — און דער

פסוק זאָגט פונקט פאַרקערט „וישלח מלאך ויוציאנו" וגו' ? ער האָט געשיקט אַ מלאך און דער מלאך האָט אונז אַרויס-געצויגען פון מצרים ? די זאַך איז אַזוי — „ביי מכת בכורות" איז געווען דורך גאָט אַליין כדי ניט צו געבען רשות דעם משחית וכו' — אָבער ביים אַרויס פון מצרים, האָט ער גע-שיקט משה'ן און צו אהרן און די נביאים ווערען גערופען מלאכים. (יד יוסף).

---

## טעם מצות מצה

אַזוי ווי די טייג פון מצה דאַרף ניט אויפגעהן אין דער הויך, אַזוי דאַרף אַ מענש ניט גרויס האַלטען זיך. דערוויי-טערען זיך פון גאוה. (יד יוסף).

---

## טעם חמץ בשריפה

פאַר וואָס חמץ דאַרף מען פאַרברענען, אַזוי ווי דער דין פון אַ בעל גאוה — דער בעל גאוה ווערט גע'משפט מיט פייער. (יד יוסף).

---

## טעם חמץ במשהו

די גמרא זאָגט וועגען גאוה, לא מינה ולא מקצתה אפילו עפּעס גאוה טויג ניט. (יד יוסף).

---

„ויהי בשלח פרעה את העם מי צווח ווי מצרים צוחו ווי"

(מדרש)

מצרים האָבען זיך אָרום געזעהן וואָס זיי האָבען גע־טאָהן אַזוי צו פאַרפאָלגען די אידען, אַז זיי זאָלען מוזען פאַר־לאָזען די לאַנד. יוסף האָט גליקליך געמאַכט די לאַנד אין הונגער צייט, יעקב האָט געבענשט דעם נילוס, וועלכער געהט אויף און טרינקט אָן די גאַנצע לאַנד, און פון טאָג וואָס יעקב איז געקומען אין מצרים האָט אָבגעהאַלטען דער הונגער, און אַזוי אין אַלע לענדער באַטראַכטען זיי זיך נאָכהער און שריי־ען ווי וואָס האָבען מיר געטאָהן דורך זיי האָבען מיר אַלע בעלעבט גליקליך. —

---

והיא שעמדה לאבותינו ולנו שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו והקב"ה מצילנו מידם.

(הגדה)

די חכמים זאָגען „כל מקום שגלו שכינה נגלה עמהם" וואו אידען זיינען פאַרטריבען געוואָרען איז די שכינה אויך פאַרטריבען געוואָרען מיט זיי, דאָס זאָגט דער „בעל הגדה" „והיא שעמדה" די שכינה וואָס איז פאַרטריבען געוואָרען מיט אונז „עמדה לנו ולאבותינו" דאָס איז אונז בייגעשטאַנען, און אויך צו אונזערע עלטערען, ווייל שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו דען ניט איינער איז אויפגעשטאַנען אויף אונז נאָר אַלע אומות, און מיר זיינען ניצול געוואָרען איז דאָס נאָר והקב"ה מצילנו מידם, דאָס נאָר גאָט אַליין האָט אונז גע־רעטעט פון זייערע הענט. —

---

## והיא שעמדה לנו וכו׳ שלא אחד בלבד וכו׳

## (הגדה)

עס איז ביטער צו זאָגען נאָך ביטערער צו שרייבען, עס איז אַז אָך און וועה, אַז מיר מוזען זאָגען דעם אמת, ווען ניט די צרות מיט די גזירות פון יעדער צייט אין יעדער לאַנד וואָלט שוין פון אונזער פאָלק גאָר ניט געווען, מיר וואָלטען זיך שוין לאַנג אַסימעלירט, עס וואָלט נאָר אין דער געשיכטע דערצעהלט געוואָרען, דאָס עס איז געווען אַ עם ישראל, און וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט, נאָר די גזירות רעות, ר״ל, — וואָס עס איז פאָרגעקומען, דאָס האָט געהאָלפען, אַז מיר זייר-נען נאָך איצט אַ פאָלק „והיא שעמדה לנו ולאבותינו" אַט דאָס איז אונז בייגעשטאַנען אַז מיר זיינען אין עקסיסטענץ, דאָס וואָס „שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו", און ווי עס ווערט שלעכט גאַנץ שלעכט, נעהמען מיר זיך צו דעם אַל-טען תהלים׳על און מיר זאָגען „ממעמקים קראתיך ד׳" און מיר נעהמען זיך צוריק צו דעם רעליגיאָן און טראַדיציאָן, און דאַן „והקב״ה מצילנו מידם". —

# ליום טוב שבועות

## חנוך הבנים

והייתם לי סגולה מכל העמים כי לי כל הארץ.

(יתרו)

איהר וועט גערופען ווערען מיין געליבטעס פאלק ניט נאר דאן ווען דיא וועלט וועט דינען צו אלע נארישקייטען, צו שטיין און ביין, אפילו ווען דיא וועלט וועט קלוג ווערען און אלע וועלען אנערקענען מיין נאמען אז עס איז דא איין גאט, וועט איהר זיין אויך סגולה מכל העמים, דיא געליבטעס פאלק פון אלע פעלקער אפילו אין דער צייט וואס „כי לי כל הארץ" צו מיר וועט געהערען שוין דיא גאנצע וועלט, אלע וועלען מיר אנערקענען וועט איהר אויך זיין מיין סגולה.

---

התורה נתנה „באש", ו„במים", ו„במדבר".

(מדרש במדבר פ"א)

דיא תורה קען זיך אופהאלטען נאר ביי א מענש וואס איז ניט קיין בעל גאוה, נאר אן עניו ושפל רוח, דיא תורה איז געגליכען צו וואסער, אזוי ווי וואסער געהט אראפ פון א הויכען ארט, אזוי אנטלויפט אויך דיא תורה פון דיא וואס האלטען זיך גרוים, התורה נתנה במים, ודו"ק. אבער דיא תורה איז אויך געגעבען געווארען „באש", אויב דוא מענש יועסט זיך האלטען צו קליין, וועסטו קיין ווערדע ניט האבען, וועסטו פארלירען דיין כבוד און אויב מען פאלגט דיר נישט, דאן דארפסטו זיך אננעהמען מיט פייער גאוה שטייץ ניט פאלגען א רב, „זרוק מרה בתלמידים" זאגט דיא גמרא, דא־רום מוז זי זיין אויך געגעבען באש, ודו"ק.

### התורה נתנה באש ובמים ובמדבר

דיא תורה איז געגעבען געוואָרען אין דער מדבר, צו לערנען דעם אידען, אוב דוא ביזט איינער אַליין אַזוי ווי אין אַ מדבר, זיי אַ איד, און אויך ניט צוליעב מענשען זיין גוט און פרום מען זאָל דיר לויבען, נאָר ווי דו ביזט אַליין אין אַ מדבר. —

---

## גרויסע קענער לערנען

מיר גרויסע ערוואַקסענע קענען זעהר פיעל לערנען, פון די פראַגעס וואָס קליינע קינדערלאַך שטעלען אונז . . .

---

### לעת״ל, מביא הקב״ה ס״ת וכו׳ כלום כפית עלינו את ההר כגיגית וכו׳.
### (ע״ז ב׳)

גאָר אין פשט, ווארום האָט מען אויף אונז אַרויף גע־הויבען דעם, בארג, און גאָט ב״ה האָט געזאָגט אם תקבלו וכו׳ וועט איהר מקבל זיין די תורה איז גוט און אויב ניט ווערט איהר באַגראָבען דאָ אונטער דעם בארג, ווארום האָט מען אונז געצוואונגען און די אומות ניט ?

אַ גרויסער סוחר פון קאַווקאַזער געגענד, פלעגט קומען אין לייפציג מיט זיינע סחורה, ער האָט געבראַכט פון יעדער מין סעמפעלס, און די גרויסע סוחרים איז דיא סעמפעלס ניט געפעלען געווען און זיי האָבען קיינער ניט געמאַכט קיין באַ־שטעלונג. — איינער פון דיא געניטע סרסורים, איז איהם

געלונגען דאך, דאס איין סוחר האט געקויפט פאר פופציג טויזענט דאלאר ווארע, און באלד איז ארוים א טעלעגראם צו זיין פלאץ אין קאווקאז און מען האט באלד ארוים געשיקט דיא ווארע, דאס האט אפגעקאסט איינינע טויזענט דאלאר דער ברענגען, און אז עס איז אנגעקומען האט דער קויפער חרטה געקראגען און ער וויל ניט נעהמען.

האט דער קאווקאזער באלד איהם פארקלאגט אין גע־ריכט, און עס איז ארוים דער פסק אז ער מוז באצאהלען ווי אפגערעדט איז געוועזן, פרעגט דער ליפציגער סוחר, ווארום צווינגסטו ניט דיא אנדערע סוחרים, נאר מיר צווינגסטו, זיי ווילען דאך אויך ניט די ווארע.

זאגט דער קאווקאזער, זיי קען איך ניט צווינגען, זיי דארף איך ניט צווינגען, איך בין געקומען מיט די סעמפעלס, און זיי אלעמען געוויזען, זיי האבען ניט געוואלט, און מיר האבען ניט געמאכט קיין ביזנעס. אמת, איך האב מיט זיי קיין ביזנעס ניט געמאכט, אבער איך קען ניט, און דארף ניט צווינגען זיי. —

אבער דו האסט געקויפט, און איך האב געמאכט א הוצאה פון טויזענטער צוליעב דיר, דיר צו דעליווערען די סחורה, און איצט נעהמסטו ניט, ניין, מיין פריינד, עס קען אזוי ניט געהן, דו מוזט נעהמען, דאס זעלבע איז דא, הקב"ה האט געוואלט געבען דיא תורה דער וועלט, א גוטע טייערע תורה, האט ער געטראגען ביי אלע אומות און מען האט זיי געוויזען די סעמפעלס, צו „עשו" לא תרצח, — עמון „לא תנאף", — ישמעאל „לא תגנב", און אז. וו. און קיינעם איז דיא סעמפעלס ניט געפעלען, האט קיינער ניט באשטעלט די סחורה, די טייערע „הנחמדים מזהב ומפז רב וגו'" — נאר — דער גרויסער סרסור משה רבינו ע"ה מיט זיין ברודער אהרן, און געווים אויך מרים הנביאה, האבען געוויזען דיא סעמפעלס

צו די אידען, און זיי האבען אויסגעשריען „נעשה ונשמע" יע, מיר ווילען דיא טייערע סחורה וואס איז „מתוק מדבש" ונופת צופים".

און אז גאט ב"ה איז אויף דעם בארג סיני ארויף מיט אלע שרפים ואופנים „וירא העם" דאס פאלק האט דערזעלן אז די תורה איז דא, „וינועו ויעמדו מרחוק" האבען זיי זיך דערשראקען דערפאר און ווילען ניט נעהמען די סחורה, — זאגט גאט ב"ה, איהר מוזט נעהמען אויב ניט מיט גוטען וועט זיין מיט בייזען, צו יענע האב איך ניט צו זיי, זיי איז ניט געפעלען געווארען, אבער איהר מוזט נעהמען „כפה עליהם את ההר כגיגית".

---

## לשבועות

כשחרב בית המקדש נגנזו חמשה דברים, הארון, והמנורה, והאש, ורוח הקודש והכרובים, וכשישוב הקב"ה ויבנה ביתו ויחזירן, עכ"ל המדרש.
(מדרש רבה פ' במדבר פ' ט"ו)

דער ארון, דאס איז די תורה הקדושה, און דער פסוק זאגט מלכה ושריה בגוים, אין תורה, ווען מיר זיינען מיט אונזער קעניגרייך אין גלות איז ניטא קיין ריכטיגע תורה לערנער, ווי דאן בזמן הבית. —

---

## המנורה

המנורה, ווענען די מנורה איז געזאגט, דאס איהרע אלע זעקס רעהרען האבען זיך געבויגען קעגען דיא זיבעטע

מיטעלסטע רעהר, דאס הייסט אלע חכמות איז פארהאן אין דער תורה, און דיא זעקס אויסערליכע חכמה האבען זיך געבויגען צו דיא מיטעלסטע, דאס איז דיא חכמת התורה, ווי פיעלע חכמות דער איד האט געקענט, איז ער אלץ געבונדען שטארק צו דער תורה, ווייל ער האט געזעהן אז אלע חכמות איז פארהאן אין דער תורה, פון חורבן בית המקדש איז בעהאלטען געווארען דיא מנורה אז אלע חכמות זאלען זיך קניען צו חכמת התורה. —

---

## חאש

האש, דען דאן איז געווען דער חשק זעהר גרויס צו דער תורה, עס האט געברענט ווי א פייער, דער חשק התורה והמצות, נאכ'ן חורבן הבית, איז דער פייער, דער חשק בעהאלטען געווארען.

---

## רוח הקודש

רוח הקודש, דאן איז געווען לערנען תורה אדער טאהן מצות א געשעצטער געעהרטער ענין פאר יעדען מיט א רוח קדושה האט ער עס געטאהן, און היינט, אהן קדושה, עס האט זיך עפעס ווי פארשלאפען.

---

## והכרובים

והכרובים, דאס זיינען דיא קליינע קינדער, געפאר דער בית המקדש איז חרוב געווארען זיינען דיא קינדער געווען קדושים וטהורים, און זיי זיינען דאס געווען דיא לומדי תורה,

און יעצט איז פארקעהרט דיא קינדער אין סקול (בית הסקילה) דיא אלטע אין בית המדרש, עס איז באהאלטען געווארען דיא כרובים ודו"ק, אין אז אין גיכען עס וועט געבויט ווערען דער בית המקדש, וועט אונז השי"ת די אלע זאכען אומקערען.

---

ונקבצו בני יהודה וגו' ועלו מן הארץ

דיא קלייניקע מענשעלאך, מיט קליינע נשמה'לאך, קיינער האלט פון זיי נים, די ביי דער טהיר שטעהענדע אין שוהל, די וועלכע האבען נעבאך קיין ווערדע אפילו אין זייער הויז, אויף זיי זאגט די גמרא ענדע כתובות „עתידין כל אילני סרק שבארץ ישראל שיטענו פירות", אלע בוימער פוסטע פון ארץ ישראל וואס טראגען קיין פירות וועלען אנהויבען טראגען פירות, דער מענש איז א בוים „כי האדם עץ השדה", אט די פראסטע אידעלאך נידעריגע מענשעלאך, וועלען טראגען פירות זיי ווילען ווערען פול מיט חכמה, מיט דעת ד', און האבען גוטע קינדער, „ונקבצו בני יהודה" זיי וועלען איינגעזאמעלט ווערען די בני יהודה, אפילו די פראסטע וואס ליגען נעבאך ניין קלאפ־טער אין דער ערד אין נידעריגקייט „ועלו מן הארץ" זיי וועלען אויסוואקסען אזוי ווי בוימער פון דער ערד, די פוסטע בוימער.

---

## א בעל הבית א למדן גדול

א שניידער א בור האט געזאגט אין שבועות'דיגען קידוש: „זמן חירותינו" האט דער למדן געזאגט, ווי ער האט עס גע־הערט, מילא פסח זאגט מען חרותנו, ווייל מיר עסען „חרוסת" אבער שבועות ? . . .

---

# לשבועות

„לא תחמוד בית רעך וגו׳ אשת רעך וכל אשר לרעך״
(יתרו)

קיינער האָט נים יענעמ׳ם צער, מיר זעהען נאָר די אוים ווענינסטע, אָבער דעם צער וואָם ער טראָגט אין זיין הארצען זעהט קיינער נים, נאָר ער פיהלט עס נעבאך אליין, אויב דוא ביסט מקנא זיין הויז זיין שעהנע ווייבעל און דו ווייסט נעבאך נים וואָם ער ליידעט פון זיי ביידע, נאָר דו ביזט מקנא און דו ביסט עובר אויף לא תחמוד בית רעך, מוזטו אויך נעהמען „וכל אשר לרעך״ אלעס וואָם געהער צו דיין חבר די צרות אויך, און דאָן ועסטו זאָגען איך וויל נים זיינס, ודו״ק.

# לשבועות

והייתם לי סגולה מכל העמים כי לי כל הארץ ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש.

עם איז פאַרהאַן חשיבות בעצם, זיי אליין זיינען גרוים, בעצם, און חשיבות מצד אחרים, קעגען אַנדערע זיינען זיי בעסער, האָט אונז גאָט ב״ה פאַרזיכערט אַז אפילו „והייתם לי סגולה מכל העמים״ געגען אלע פעלקער וועט איהר זיין בעסער, ד. ה. חשיבות מצד חברו, דאָך וועל איך אייך ליבען עווינ, ווארים „כי לי כל הארץ״ איך וויים דאָך אלעמען״. דיא גאַנצע וועלט איז דאָך מיינע דאָך וועל איך אייך ליבען, נאָר איך בעט אייך „ואתם״ און איהר זאָלט זיין „ממלכת כהנים וגוי קדוש״ איהר זאָלט האָבען חשיבות בעצם. (אוהל יעקב).

## לשבועות

לא תעשו אתי אלהי כסף ואלהי זהב לא תעשון לכם.

(יתרו)

ביי אלהי כסף זאָגט ער „אתי" מיט מיר, ביי אלהי זהב זאָגט ער „לא תעשון לכם" ? כסף ווער עס האָט געלט, אָבער ניט צופיעל, מיטעל „זהב" ווער עס האָט שוין גאָר אַ סאַך, דער וואָס האָט נאָך אַביסעל געלט, דער דינט נאָך גאָט בשיתוף גאָט און די געלט, דארום זאָגט ער „לא תעשון אתי" מיט מיר נאָך בשיתוף ווען איהר האָט נאָך אַביסעל געלט, אָבער ביי זהב דיא גאָלד ווער עס האָט שוין אַ סאַך דער דינט שוין ניט בשיתוף אויך ניט.

---

## לשבועות

לא תעשה לך פסל וכל תמונה אשר בשמים ממעל

ואשר בארץ מתחת.

(יתרו)

דער מענש איז צונויפגעשטעלט פון גייסט אַ נשמה פון הימעל, אַ קערפּער פון אונטען ווי להבדיל אַ בהמה, זאָגט אָן די תורת מאַך זיך ניט פון דיר אַליין אַ הימעל אַז דו ביסט אַ מלאך, און מאַך זיך ניט פון דיר נידעריג ווי אַ בהמה, לא תעשה לך פסל וגו', ניט אשר בשמים ממעל, און ניט ואשר בארץ מתחת גאָר מיטעל וועג, ודו"ק.

---

# לשבועות

ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דבר ד׳ נעשה.

(יתרו)

א גרויסער וואלד איז געווען צום פארקויפען, זיינען גע־קומען ביי הונדערט סוחרים, יעדער וויל קויפען, איז געקומען דער גרויסער מעקלער, און ער זאגט, מיינע הערען איך קום פון פריץ, מען דארף האבען דרייסיג טויזענט טאלער קעש ווער עס וויל קויפען, די האלץ איז זעהר גוט, עס שטעהט ביי א טייך וואס דארף ניט פיעל קאסטען דער דעליווערען, עס שמעקט מיט א סאך פראפיט, אבער זיי אלע האבען זיך אנ־געקוקט, ווער קען דאס געבען קעש אזוי פיעל געלט, זאגט דער מעקלער, ווייסט איהר וואס, קויפט אלע און פאר אלע וועט עס זיין גרינג, אזוי איז געטאהן געווארען, אידען הא־בען אזא גרויסע תורה גיט מען זיי אמת, דער פראפיט איז גרוים, אבער ווי קען יעדער איינער מקיים זיין אלעס, האבען זיי זיך אלע צונויף גערעדט, אידען חברים, בשותפות זאלען מיר דעם טייערען עסק נעהמען, אלע צו זאמען קענען מקיים זיין, ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דבר ד׳ נעשה ונשמע, ודו״ק היטב.

---

## יוגענד און עלטער

אין דער יוגענד לערענט מען, און אין דער עלטער פאר־שטעהט מען.

---

# לשבועות

בשעה שירד משה מלפני הקב"ה, בא שטן ואמר לפניו, רבונו של עולם, תורה היכן הוא? א"ל נתתיה לארץ, הלך אצל ארץ א"ל תורה היכן היא, אמרה לו אלהים הבין דרכה וכו', הלך אצל ים ואמר לו אין עמדי, הלך אצל תהום, א"ל אין בי.
(שבת פ"ט ע"א)

ווען משה איז אראפ פון בארג סיני, דאס הייסט אין א צייט ארום ווען משה איז שוין ניטא, און עס איז אוועק א צייט, א צייט, ארום, אביסעל פריהער ווי די איצטיגע צייט, און אויך איצטיגע צייט, קומט דער שטן פאר גאט דערציילען אויף אידען ניט קיין גוטעס, פרעגט ער באלד א פראגע, רבש"ע, „תורה היכן היא" וואו איז די תורה, די תורה וואס דו האסט געגעבען איז אבסאלוט ניטא, מען האט צוריסען די תורה, די מלמדים וועלכע לערנען מיט אידישע קינדער, אין תלמוד תורה, זיינען אזעלכע וואס זיינען כופרים אין דיין תורה, דעם חומש האט מען צוריסען, צושניטען, אויף פיצעלאך ברעקלאך, געה אריין רבש"ע אין דער תלמוד תורה וועסטו געפינען אן אנדער תורה, יעצט רבש"ע וויל איך דיר דערציילען פון די שוהלען, אין די שוהלען וועסטו געפינען א רב, וואס איז אהן א בארד און אהן פיאות, א כופר בעיקר, ער רופט זיך פון די פיפטי פיפטי שוהל, איז דאס א חברה מאן, ער שפיעלט אין פאוקער, א פינאקעל מיט די ווייבער, און עסט ביי יעדען אין הויז, און איז אן אוכל כל נבלה וטריפה, ער האט פיינט א אידען פונקט ווי היטלער ימח שמו וזכרו, פרייטאג אווענט עפענט ער זיין פי האתון, קומען זיי צופאהרען מיט זייערע מאשינען מיט די סיגארס אין מויל,

און מאכט זיי זינגען „ישמח משה במתנת חלקו" משה פרייט זיך מיט זיין מתנה שבת, ווען משה וואלט זעהן ווי זיין מתנת שבת זעהט אוים וואלט ער קריעה געריסען, רבש"ע, „תורה היכן היא" וואו איז געבליבען די תורה, קיין זכר ניטא אין שוהל און אין תלמוד תורה.

זאגט גאט צו איהם נתתיה לארץ, איך האב דיא תורה געגעבען, ד. ה. די תורה קענסטו געפינען ביי די ארעמע נידעריגע קלאס ארבייטער קליינע סטארקיפער, ביי זיי איז נאך פארהאן אביסעל תורה, זיי האלטען נאך עטוואס דיא תורה, ביי זיי אין שוהל לערענט מען נאך א פרק משניות פאר צוויי אדער דריי אידען מען דאווענט נאך אידישלעך געפינט זיך נאך אמאהל א שומר שבת, ביי זיי קומט נאך א משולח און זאגט א דרשה, זיי האלטען נאך א רב א תלמיד חכם, נתתיה לארץ ודו"ק. — הלך אצל ארץ, קומט דער שטן צו די אידעלאך, תורה היכן היא ? וואו איז די תורה, איך האב געהערט אז איהר זיינט דאס די וועלכע האלטען היא תורה, וואו איז זי ביי אייך, איך געפין איהר ניט, פארלויפיג זעה איך ניט ביי אייך די תורה, ניט קיין תורה, ניט קיין זאך, אפילו אייער רב גיט איהר ניט א לעבען צו מאכען, איהר האט דאך גאר ניט. מחללי שבת זייט איהר אויך, מחלוקות גע-פינט זיך ביי אייך, תורה היכן היא ? וואו איז די תורה ביי אייך, ענטפערען זיי, אלהים הבין דרכה. גאט פארשטעהט גאנץ גוט, אז ער האט געזאגט דאס ביי אונז איז די תורה, איז זי ביי אונז, דו געפינסט ניט, אבער מיר זיינען דאך דאס, אבער געה זוך איהר אנדערשוואו, וועסטו זעהן אז דאך ביי אונז איז עפעס, מיר זיינען מחלל שבת, אלהים הבין דרכה, גאט ווייסט אונזער געמיט, נאר וואס קאנען מיר טאהן, מיר קענען זיך ניט העלפען, מיר צאהלען דעם רב קיין שכירות, אלהים הבין דרכה, אז מיר קענען ניט, מיר זיינען ארים.

הלך אצל ים, איז ער אוועק צו די רייכערע קלאס, די

ביזנעסלייט, „היתה כאניות סוחר" דאס איז די סוחרים, סמארקיפער, קלענערע און גרעסערע ביזנעסלייט, תורה היכן היא, חברה, וואו איז די תורה, איהר קענט דאך שוין יא האלטען די תורה, די ארץ מענשען קענען נים, אבער איהר, וואס זאגט איהר אויף מיין פראגע, תורה היכן היא ? א"ל „אין עמדי" מיר האבען איהר יא, נאר מיט אונז נעהמען מיר איהר נים מיט, אין הויז עסען מיר כשר, אין סטרים א טריפה'ען סענדוויטש, מיר נעהמען איהר נים מיט אין סטאר, אין סטרים וואו מיר געהען נעהמען מיר נים מיט די תורה, עס פאסט נים מיטצונעהמען די תורה מען זאגט אויף אונז אז מיר זיינען אלד פעשאן, אין עמדי. —

הלך אצל תהום וכו' אין בי, איז דער שטן אוועק גע־גאנגען צו די סאציאליסטען, אנארכיסטען, בודיאיסטען, קאמוניסטען, און גארניסטען, תורה היכן היא ? איהר תהום פארזונקענע, וואו איז די תורה, האבען זיי געענטפערט, וואס פרעגסטו ביי אונז „אין בי" ביי מיר איז שוין קיין פונק ניטא אין גאנצען פון איהר. —

# חינוך הבנים

ואהבת את ד׳ אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך
ושננתם לבניך וגו׳.
(ואתחנן)

ליעב גאָט מיט דיין גאַנצען הארצען מיט דיין נשמה, מיט דיין געלט, ווי קען מען וויסען דאָס יענער אָדער דוא מיין טייערער ליבסט גאָט ווי אַנגעזאָגט מיט דעם, איז דער בעוויז אויב דוא לערענסט ריכטיג דיינע קינדערלאַך תורה און מצות, ווייל קיין פאָטער וועט ניט לערנען זיין קינד אַ זאַך וואָס ער האָט עס פיינט. (קוקט אריין אין פסוק).

---

# חינוך הבנים

והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך
ושננתם לבניך.
(ואתחנן)

טאַטע זיסער, רבי גוטער, טיטשער חכם, די תורה זאָגט אַן אַז בעפאַר זאָל זיין הדברים האלה, אַז די רייד וואָס איך זאָג אייך אַן וועט זיין „על לבבך״, אויף דיין הארצען, דו טייטש עס אָפּ, דאַן „ושננתם לבניך ודברת בם״, לערען דיינע קינדער, און רייד מיט זיי טאַטע, רב, אויב דו לייגסט ניט קיין תפלין וועט ניט העלפען אַז דו וועסט זיי לערנען און זאָ ווייטער, ווי די חז״ל זאָגען „נאים דברים מפי עושיהן״,

ודו"ק היטב, אז „והיו הדברים האלה על לבבך", — דאן „ושננתם לבניך". —

---

זכור את יום אשר עמדת לפני ד"א בחורב וכו'
והודעתם לבניך וגו'.
(ואתחנן)

א גרינגער אופן צו געדיינקען דעם טאג אין וועלכען גאט האט אונז געגעבען די תורה, איז „והודעתם לבניך", אז דו ועסט די תורה איבערגעבען צו דיינע קינדער וכו'. אויב דו ביזט מחנך דיינע קינדער לערנען מיט זיי די תורה, דאן איז מען זיכער אז דו וועסט אויך געדענקען צו היטען מקיים צו זיין די מצות התורה. —

---

## חינוך הבנים

חז"ל, חמשה דברים נגנזו כשחרב בית המקדש (ואחד מהם) „והכרובים", די כרובים זיינען דיא קינדער, די חכמים זאגען אויף די כרובים דאס „פניהם כרביא" ווי א תינוק און די תורה זאגט „והיו הכרובים פורשי כנפים מלמעלה" „סוככים בכנפיהם", זאגען די מפרשים דאס מיינט תינוקות של בית רבן זיי באשיצען אויך די עלטערען לאחר מותם, זייערע פליג-לען שיצען די תורה, אז די תורה זאל האבען א קיום, — ווען ניט די תינוקות זאלען לערנען איז אפגערעדט פון דער תורה און מען דארף ניט מאריך זיין אין א דבר ידוע.

---

„וילך משה וידבר את הדברים האלה אל כל ישראל"

(וילך)

דאָס לעבען איז אַ געביידע, פון לויטער דאגות, בלויז צווישען די שפּאַלטען גנב'עט זיך אריין אמאָהל אַ זונענשיין, און וואָס איז טאַקע דעם מענשען'ס לעבען, ווען ניט אַ קינד וואָס מען ערציהט איהם צו דער דרך ד', ווי לאנג דער מענש לעבט הייסט ער הולך, ער געהט פון מדרגה צו מדרגה אין העכערען מדרגה צו גאָטעס דינסט, אויב ער געהט ניט העכער איז ער אַן אָקס, ווי דער אָקס ווערט געבאָרען הייסט ער אָקס און אַז ער געהט פון דער וועלט הייסט ער דעם זעלבען נאָמען אָקס — אָבער ווען דער מענש שטאַרבט הייסט ער עומד, ער שטעהט שוין אויף איין אָרט, עס קען זיך שוין ניט אויפטאָהן, „היום לעשותם, ומחר לקבל שכרם", אָבער ווען ער לאָזט תלמידים, אָדער גוטע קינדער הייסט ער דערמיט אויך „הולך" „וילך משה" משה געהט אימער ממדרגה למדרגה ווייל וידבר את הדברים האלה אל כל ישראל, ער האָט געגעבען צו כל ישראל די תורה ער איז עוויג אַ הולך, — אַזוי קען זיין יעדער פאָטער אין זיין מדרגה . . .

---

# חינוך הבנים

„אלכה ואראנו בטרם אמות"

(ויגש)

יעקב זאָגט איך שטעל מיר פאָר, אַז מיין קינד יוסף איז נאָך דער זעלבער צדיק און פאַר אַזאַ קינד, וועל איך ניט דאַרפען ביי מיין טויט, זיך אומקערען צום וואַנט, איך וועל

קענען אויף איהם קוקען אויך „בטרם אמות" און איך וויל נחת האבען פון איהם, אויך נאך מיין טויט, „ואראנו בטרם אמות" ניט שעהמען זיך.

---

ואברהם זקן בא בימים וד' ברך את אברהם בכל.
„בכל בגימטריא בן"
(מדרש)

א וואונדער א גרויסער, א סאך פרשיות איז אין דער תורה פון דעם זוהן זיינעם, צו וואס איז דער רמז בכל בגמטריא בן ? יא, עס איז גאר ריכטיג ווי מיר זעהען איצט, ווי לאנג דער קינד איז יונג ער איז מיט אלעם פארזאגט ביי זיין פא־טער פירט ער זיך נאך עפעס ווי דער פאטער, אז דער פאטער ווערט אלט, און זיין זוהן איז אויסגעשטודירט אדער וואס ער איז דאן זעהט דער פאטער אז ער האט קיין קינד, קיין קדיש וויל ער איז גאר ווייט אוועק, דערצעהלט די תורה ואברהם זקן אברהם איז אלט — אלט קראנק שוואך, פאר'ן טויט, און דאך „בכל בגמטריא בן" ער האט זיין טייערען קינד איצט „בכל" אין דער גאנצער גימטריא, אין גאנצען, עס פעלט זיין זוהן ניט צו אידישקייט, די גאנצע גימטריא איז ער א בן א קינד „בכל בן" ודו"ק היטב.

---

„יתומים היינו ואין אב, אמותינו כאלמנות"
(המקונן)

די קינדער אין הויז די זיהן איבערהויפט האדעווען זיך ווי יתומים, ווי אהן א פאטער, דען זיי פאלגען גאר ניט, און טוהען וואס זיי ווילען, אונזערע מוטערס אין הויז זיינען

„כאלמנות" ווי זיי וואלטען קיין מאן ניט געהאט, ווייל זיי הערען גאר ניט דעם מאן זייערען.

---

# חינוך הבנים

„כשאמר הקב"ה למשה כתוב וימת שם
משה התחיל לבכות וכשאמר לו כתוב ולא
קם נביא עוד בישראל כמשה התחיל לרקוד.
(מדרש)

ווען גאט האט געזאגט צו משה'ן שרייב „וימת" עס איז געשטארבען משה עבד ד', האט ער אנגעהויבען צו וויינען און ווי גאט זאגט איהם, שרייב עס איז ניטא אזא נביא און וועט ניט זיין אזא נביא ביי אידען ווי משה, האט משה גלייך אנגעהויבען צו טאנצען.

אז משה זאל מיינען דאס ער וועט ניט שטארבען ? ווי אזוי שיקט זיך עס, אז משה זאל ניט וועלען, אז עס זאל זיין נאך אזא נביא ווי ער ? דער משה וואס האט געזאגט „מי יתן והיה כל עם ד' נביאים" ?

דיא גמרא זאגט אין בבא בתרא ט"ז, „כתיב וישכב דוד עם אבותיו", און דוד ליגט מיט זיינע עלטערען, זאגט מען ניט אויף דוד „ומת" געשטארבען, נאר „וישכב", — „וכתיב וימת יואב" און עס איז געשריבען אז יואב איז געשטארבען ווארום ביי דוד שרייבט דער פסוק „וישכב", און ביי יואב „וימת", ענטפערט דיא גמרא „דוד שהניח בן כמותו" דוד האט איבערגעלאזען א קינד ווי ער. הייסט דאס אז דוד איז ניט געשטארבען. ער לעבט דארט בעולם הבא, אבער יואב, „שלא הניח בן כמותו" ער האט ניט איבערגעלאזען א קינד

ווי ער איז אַליין, שרייבט זיך אויף איהם ער איז אָפּגעשטאָרבען . . .

איצט וועט זיין זעהר רעכט, און אמת, אויך לאָגיק, דער מדרש, אַז גאָט זאָגט צו משה'ן שרייב „וימת משה" משה איז געשטאָרבען . . . האָט משה באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער האָט ניט אַ קינד אַזוי ווי ער, ווען ער זאָל האָבען אַ קינד ווי ער וואָלט מען איהם הייסען שרייבען, וישכב משה, אָדער ויגוע אָדער ויאסף, האָט ער זיך צוויינט, און ער האָט וואָס צו וויינען . . .

האָט איהם הקב"ה געזאָגט, משה, דו קענסט ניט האָבען „בן כמותך" אַ זוהן ווי דו, ווי די גמרא זאָגט „כמותו", איז אומעגליך דיר צו האָבען ווייל דו מוסט שרייבען ווייטער „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה", עס קען אַזאַ נביא ניט זיין, ווי משה, טאָ ווי אַזוי קענסטו האָבען אַ קינד, „כמותך" פונקט ווי דו ביסט, ווי משה האָט דאָס געהערט, „התחיל לרקוד" האָט ער אָנגעהויבען צו טאַנצען, דאָס הייסט איך האָב גוטע קינדער נאָר פונקט ווי איך קענען זיי ניט זיין ווייל לא קם כמשה הייסט מען מיר שרייבען. —

## חינוך הבנים

„ושננתם לבניך ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך".
(ואתחנן)

ניט געננג, וואָס דו טאַטאַלע לערענסט אַליין, דו מוזט אויך לערנען דיין קינד, ווייל די חכמים זאָגען „ברא כרעא

דאביהו" דער זוהן איז די פוס פון פאטער, דייטליך אביסעל העכער, איז דאס געמיינט, אז דער קינד מאכט דער פאטער זאל קענען שטעהען און געהן אויף זיינע פיס, ווייל דער מענש הייסט א הולך, און אויף דעם עולם האמת, הייסט ער אן עומד, און דער קינד זיינער מאכט איהם ער זאל זיין א הולך אויך דארטען, דאס איז „ברא כרעא דאביהו".

„ושננתם לבניך" דו דארפסט לערנען דיינע קינדער, אפילו ווען דו ביזט אימער מקיים, אין דיין לעבען, „ודברת בם בשבתך בביתך" דו לערענסט אלע מאהל, דו רעדסט אין דער תורה, אימער, אז דו לערענסט אליין און ניט די קינדער, מהוסטו זיך אויף פאר'ן עולם האמת, אבער דארט ועסטו שוין ניט קענען לערנען טאהן מצות, אבער דער „ושננתם לבניך" וועט דיר מאכען, אז דו וועסט זיין דארט „ובלכתך בדרך" געהן אין דעם וועג, וואס דו געהסט אוועק, וועסט זיין א הולך אין דעם פלאץ וואס מען איז עומדים, גליקליך וועסטו זיין „ובשכבך" אז דו וועסט ליגען אין קבר און דער „ושננתם לבניך" וועט דיר העלפען „ובקומך" אז דו וועסט דארפען אויפשטעהן תחית המתים, ודו"ק.

---

## די מאמעס

א רוצח פאר דעם הינריכטונג, ער איז שוין געשטאנען ביי דער „תליה", האט ער געבעטען, איך וויל פון אייך פאר־לאנגען, א קליינע בקשה, איך וויל עפעס זאגען מיין מוטער, ערלויבט דאס מיר, און זיין בקשה איז ערפילט געווארען, זי איז צוגעגאנגען צו איהם, זאגט ער צו איהר, גיעב מיר דיין האנט, איך וויל זיך געזעגענען מיט דיר, זי האט איהם גע־געבען די האנט, האט ער פעסט אנגענומען די האנד, און האט א שטארקען דריי געטאהן איהר האנט, אז ער האט

די אומגליקליכע צובראכען איהר האנט, וואס האסטו געטאהן מערדער רוצח, דיין אייגענע מאמען ? זייט וויסען זאגט ער אז זי האט גורם געווען מיין פרי צייטיגען טויט, נאר זי, — ווען דער טאטע האט מיר געוואלט שלאגען פאר מיינע שלעכ־טע טהאטען, פלעגט זי פארשטעלען איהר האנט, און דאס האט געבראכט אז איך בין אראפ אין גאנצען פון וועג, און געקומען צו וואס איך בין געקומען יעצט . . .

## ביכער ניט פאר אמיוזמענט

ווער עס זוכט אין ביכער נאר אמיוזמענט, דער קען ניט ווערען פון דעם באמת געלערענט . . .

## כ ע ס

ווען א מענש צופלאמט זיך, ווערט זיין שכל פארלאשען אין גאנצען . . .

— לעהרער צום שיהלער — ווייסטו דעם נאמען פון דער חיה וועמעס פעל מען האט אראפגעשונדען פאר די מא־מעס פוטער ?

— אינגעלע — איך וויים . . . פאפא'ס.

## היינטיגע ראבאים

זעלטען צו טרעפען דאס א איצטיגער ראבאי, זאל ניט האבען דעם טיטול דאקטאר. —

## דער אדוואקאט

געלד איז אזא מין זאך, וואס מאכט גערעכט, אלע די שולדיגע . . .

---

## אונוויסענדע מענשען

אויב אונוויסענדע מענשען זיינען גליקליך, זיינען דא אויף דער וועלט גאר אסאך גליקליכע.

---

## חינוך הבנים

הוא המשביר לכל עם הארץ
(מקץ)

פארצייטען איז ביי אונז געווען א גרויסע שובע זעט אין תבואה פון גן ד' גאטעס גארטען, ניט געווען א הויז וואס א קינד זאל דארט ניט זיין א יודע ספר, און פון דא ניט לאנג ר"ל „ונשכח כל השובע" איז פארגעסען די גאנצע זאטקייט, ומי יתן אז עס זאל שוין ווידער קומען די צייטען אין גיכען, „המשביר לכל עם הארץ" — אז עס זאל ווידער איבערגעגעבען ווערען פון עלטערען צו קינדער אונזער תורה א. ז. ו.

---

## חינוך הבנים

„ויאמר יעקב רב עוד יוסף בני חי אלכה ואראנו"
(ויגש)

די שבטי יה האבען דערציילט יעקב'ן צוויי זאכען, עוד יוסף חי וכי הוא מושל בכל ארץ מצרים, יוסף לעבט, און ער

איז דער מושל אין גאנצען לאנד מצרים, ער איז א מיליאנער און איהם איז גוט ווי די וועלט, האט יעקב געזאגט סטאפ, איך וויל גאר ניט וויסען די אלע נארישקייטען, מיר איז גענוג: „רב" גענוג פאר מיר וואס „עוד יוסף חי".

## אברהם הוליד את יצחק

ער איז געווען גלייך צו זיין פאטער אברהם, אורחים אריינגעבראכט און געלערענט מיט די מענשהייט ווי אברהם זיין פאטער, און אלע האבען געזאגט אז מען זעהט פון יצחק'ס אויפיהרונג אז ער איז דער זוהן פון אברהם. —

## להספד

„כי נח נפשיה דר"י בר אחא את חמיאו כרבי בימםא"

(מו"ק כ"ה)

דורך די שטראלען פון די זון דיא ליכטיגקייט איהרע זעהט מען ניט בייטאג די שטערען אין הימעל, חאטש זיי זיינען אויף דעם זעלבען פלאץ בייטאג אויך, דאס זעלבע דורך די גרויסע מענשען, אז עס איז דא אן אדם גדול זעהען זיך ניט ארוים די קטנים, אז ר"י בר אחא איז נפטר געווארען, זיינען די קלענערע דערזעהן געווארען, אזוי פינסטער איז דאס פאר דער וועלט אז עס ווערט נפטר אן אדם גדול.

---

## להספד

כשמת ר"א ראו מטתו פורחת באויר וקראו עליו אם יתן איש כל הון ביתו באהבה שאהב הקב"ה לר"א וכו'.

(מדרש)

די כונה איז דאס, ווען ר"א איז נפטר געווארען, האבען קיינער פון די מענשהייט ניט געפונען וואס פאר א חטא זאל ניט זיין אויף איהם אבער גאר ניט, דאס הייסט זיי האבען געזעהן זיין מטה פליהען אין אויר, קיין זאך קען מען חושד זיין אויף איהם אז צוליעב דעם חטא זאל ער האבען געשטארבען, נאר גאט ב"ה האט איהם געוואלט פאר ליעבשאפט.

(קוקט אריין אין מאמר אויבען). —

---

# להספד

„כי נח נפשיה דר׳ יוחנן, פתח עליה האי ספדנה״
קשה היום לישראל כיום באה השמש בצהרים.
(מו״ק כ״ה)

דער חדא״ג זאגט, ווען די זון געהט אונטער אין מיטען טאג, זי ווערט פארדעקט מיט וואלקענס און עס ווערט פינס־טער, איז ניט דער חסרון אין דער זון, זי איז פארהאן וויא אלע מאהל, דער חסרון איז נאר פאר די מענשען, דאס זעלבע, ר׳ יוחנן איז געשטארבען, איז ניט דער חסרון פאר איהם ער לייכט דארטען אויך, נאר דער חסרון איז פאר דער מענש־הייט. (קוקט אריין אין מאמר).

---

# להספד

היסופר בקבר חסדך ואמונתך באבדון.
(תהלים)

עס ווערט ערקלערט די איינינע ווארטען פון דעם געט־ליכען משורר, מיט א שרעקליכען מוראל.

א פרוי איז געקומען צו א צדיק און האט זיך צוזועהנט, רבי! איך בין געקומען אייך בעטען, אזוי ווי מיינער א זוהן, איז געווארען א כופר בעיקר, ער דאווענט ניט, מחלל שבת, עסט יום כפור, בעט איך אייך איהר זאלט מתפלל זיין אז ער זאל שטארבען, איך וועל גאט דאנקען אז איך וועל זעהן זיין קבר.

האט דער רבי געטייטשט, די ווארטען „היסופר" האט דאס ווען ביי אן אנדער נאציאן געקענט דערצעהלט ווערען דאס „בקבר" דער קינד אז ער וועט ליגען אין „קבר", זאל זיין דערמיט „חסדך" דאס זאל זיין דיין חסד וואס דו זאלסט טאהן מיט מיין קינד. — פארוואס ווייל „ואמונתך" „באבדון" ווייל דיין אמונה איז געווארען פארלארען, ודו"ק היטב.

---

## להספד

ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר חיים עודנה.

(קהלת)

אין תענית זאגט די גמרא „יעקב אבינו לא מת, דער געדאנק איז דאס צדיקים שטארבען ניט, נאר ער געהט אוועק פון אונז און דארט לעבט ער נאך מעהר בעסער, שעהנער, ליכטיגער ווי דא, דאס זאגט שלמה, איך לויב די טויטע, אט נאר די סארט טויטע, וועלכע ערשט נאך זייער אוועק פון אונז לעבט ער ערשט דארטען (קוקט אריין אין פסוק). „ושבח — אשר חיים עודנה".

---

## להספד

כי נח נפשיה דר' זירא פתח עליו האי ספדנא ארץ שנער הרה וילדה, ארץ צבי גדלה שעשועיה אוי נא לה אמרה רקת כי אבדה כלי חמדתה.

(מו"ק כ"ה)

חאטש עס איז באוואוסט אונז פון די דברי חז"ל אז עס שטארבט א צדיק, ווערט באלד געבארען אן אנדער צדיק,

דארף מען דאך ניט אזוי פיעל קלאגען, נאר „אוי נא לה אמרה רקת כי אבדה כלי חמדתה", וועה געשריען שרייט רקת דערוויילע האבען זיי פארלארען אזא פארטיגען צירונג, ווער ווייסט, וואו דער אנדער צדיק ווערט געבארען, דערוויילע איז פארלאשען די ליכט אין רקת.

---

## להספד

„כל המתעצל בהספדו של ת"ח ראוי לקוברו בחייו"
(שבת ק"ה)

פאר וואס פוילט ער זיך אין הספד אויף דעם ת"ח, געווים זאגט ער אז עס איז גאר ניט אזוי ווי מען זאגט, דאס איז צוליעב אונזערע זינד איז ער געשטארבען. עס קען ניט זיין ווי מען זאגט, מיר זעהען אז אפילו יונגע מענשען אפילו בחורים, חתנים, שטארבען אזוי איז די טבע פון מענשען, דארף מען איהם זאגען, דאס ער זאל באגראבען ווערען לעבעדיגערהייד, ווער מען דאך געווים איהם באקלאגען, ווייל דאס איז דאך ניט כדרך הארץ. —

---

## להספד

## מת פתאום

„הלא תדעו כי שר וגדול נפל היום בישראל"
(שמואל)

אויב דער שר וגדול איז א צייט קראנק געוועזן, אדער שוין גאנץ אלט געוועזן און ער איז מעהר ניט טהעטיג געוועזן, קענען מיר ניט זאגען נאך זיין שטארבען אז ער איז

היינט געפאלען, ווייל עס איז שוין אוועק צייטען וואס ער איז ניט געוועזן טהעטיג, אבער אבנר דער גבור מלחמה, דער מיטעל יאהריגער מאן, אז ער איז געפאלען טויט, הייסט עס אז היינט איז דער שר וגדול געפאלען.

---

## להספד

„צר לי עליך אחי יהונתן"
(שמואל)

דוד קלאגט אזוי פיעל, אזוי שטארק נאך זיין אמת'ען גוטען פריינד „יהונתן" אז ער האט אויסגעשריען אין הספד, „צר לי עליך אחי יהונתן" מיר איז איצטער אזוי ביטער, אז מיר פארדריסט וואס דו ביזט מיט |מיר ביים לעבען דיינעם אזוי בעפריינדעט געווארען „צר לי" מיר איז איצט אזוי שלעכט אז איך בעדויער „עליך" אויף דער „אחי יהונתן" וואס דו יהונתן ביזט געווארען צו מיר אזוי בעפריינדעט, ודו"ק היטב.

---

## להקמת מצבה

„ויצב יעקב מצבה על קבורתה היא מצבת קבורת רחל עד היום הזה"

יעקב האט ניט געשטעלט די מצבה, אויף קבורת רחל, אום עס זאל ניט פארגעסען ווערען איהר נאמען, דאס קען קיינמאהל ניט זיין ווי לאנג מיר האבען די תורה, נאר אום די מענשהייט זאל וויסען וואו רחל'ס קבר איז צו צוקומען

מתפלל זיין, מיר זאָלען וויסען היא קבורת רחל עד היום הזה, נאָר דעם פלאַץ וואו צו קומען. —

## להספד

כשמת ר׳ אבהו בכין עמודי דקסרין
(ירושלמי פ״ג דע״ז)

די „עמודי״ דאָס זיינען דיא גדולי ישראל, עמודי העולם זיי האָבען געוויינט אַז ר׳ אבהו איז געשטאָרבען, דאָס עס איז פון זיי פאַרלאָרען געגאַנגען אַזאַ גדול, און אַזאַ מאַן וואָס איז געוועזען באַליבט ביי דעם קיסר.

## להספד

כשמת ר״א נתעקרו כל האלנות שהיו באותו מקום״
(ילקוט)

דער רושם וואָס איז געוואָרען ביי זיינע תלמידים פון ר״א, דען דער מענש איז גערופען בוים, כי האדם עץ השדה, און די אַלע מענשען די בוימער וועלכע ער האָט געפלאַנצט, מיט זיין תורה אין זיי, זיינען אויסגעריסען געוואָרען, זיי זיינען צופאָהרען פון דעם פלאַץ זוכען אַ מקום תורה אַן אַנדערען. „שבאותו מקום״ איז געזאָגט אין ילקוט, איז פאַרשטענליך.

---

ווען מען וואָלט געשטעלט מצבות אויף באַגראָבענע האָפענונגען, וואָלט די וועלט געווען איין גרויסער בית עולם.

## להספד

„ויזבח זבחים לאלקי אביו יצחק"

אין צרות און יסורים רעים טרייסט זיך אמאהל א מענש וואס זיינע עלטערען זיינען שוין ניטא, זיי געפינען זיך בעולם האמת, און זיי זעהען ניט זיינע ליידען, אבער ווען איהם איז גוט, און נחת פון קינדער, זיפצט ער אויף דעם וואס זיינע עלטערען זעהען ניט דיא נחת זיינע, און זיין כבוד, און אפט אין אזא צייט זאגט ער ווי גליקליך וואלט איך געווען, ווען מיי-נע עלטערען וואלטען אויך אנטהייל גענומען אין מיין שמחה, אויך יעקב אין דער צייט וואס ער האט דערהערט אז יוסף לעבט, איז ער געגאנגען דיא שמחה אנזאגען זיין פאטער, חאטש אויפ'ן קבר.

---

## להספד

„הצדיק אבד, ואין איש שם על לב ואנשי חסד נאספים באין מבין כי מפני הרעה נאסף הצדיק".
(הנביא)

דער אלשיך הקדוש זאגט, אז עס שטארבט א צדיק הא-בען זיי דאך געדארפט זיך נעהמען צום הארצען, און תשובה טאהן, און זיי פיהלען ניט דעם העדר הצדיק, דארום ווערען נאכדעם אנשי חסד צוגענומען, ווייל זיי האבען ניט געשפירט, „כי מפני הרעה נאסף הצדיק", דאן איז „ואנשי חסד נאספים". (קוקט גוט אריין אויבען אין מאמר).

---

## להספד

הצבי ישראל על במותיך חלל, איך נפלו גבורים וכו'.
(שמואל)

אז עס שטארבט א צדיק נאך בזמן הזה, אין אזא צייט וואס די תורה איז אזוי געפאלען, אבער דאך איז עס א רפואה לכפר על עון הדור. דאס איז א שעהנקייט פאר אידען, ווייל גאט ב"ה האט עס אונז נאר דיא טובה געטאהן, „הצבי ישראל", דאס איז דער שעהנקייט פאר אידען, אבער ווען איז לכפר, אז איינער שטארבט „על במותיך חלל", איינער אז עס פאלט איז עס לכפר, אבער ניט אז עס שטארבען צוויי אדער ח"ו נאך מעהר, דאס איז ניט לכפר, „איך נפלו גבורים" אז עס פאלען מעהר ווי איינער דאן איז ויאבדו כלי מלחמה, איז דאס אן אבידה ניט קיין כפרה. —

## להספד

„וימת שם משה" הקב"ה אמר לסמאל, לך והביא לי נשמת משה מיד לבש כעסו.
(מדרש ברכה)

די חכמים זאגען „אין מיתה בלא חטא" — ניטא קיין טויט פון מענשען סיידען מ'האט א חטא, און אז השי"ת האט געהייסען דעם מלאך המות ברענגען משה'ס נשמה, האט ער געזוכט עפעס א חטא אויף משה'ן, האט ער טאקע ניט גע־פונען, נאר איין זאך וואס משה רבינו איז אויף זיי אין כעס געווארען און געזאגט „שמעו נא המורים" הערט איהר ווידער־שפעניגער, אט דעם כעס האט ער געפונען כדי ער זאל קענען טויטען משה'ן „מיד לבש כעסו" האט ער זיך אנגעטאהן מיט רציחה צוליעב זיין כעס, וואס משה איז אין כעס געווארען.

# להספד

„משה מת בחלקו של ראובן, ומוטל בכנפי השכינה".
(סוטה)

זעהר א שעהנע מליצה, עס איז ניט געפונען געווארען אויף משה קיין חטא און דאס מיינט „ולא ידע איש את קבורתו" קיין מענש האט ניט געוואוסט ווארום משה איז געשטארבען, אויסער דער מלאך המות האט געפונען וואס משה איז אין כעס געווארען, און דאס וואס זיי מיינען די חז"ל, „משה מת בחלקו של ראובן" משה איז געשטארבען נאר צוליעב דער עבירה וואס ראובן האט געהאט זיין נאטור „פחז כמים". (והנסתרות לד').

# צוואה

ויקרבו ימי דוד למות ויצו את שלמה בנו לאמר אנכי הולך בדרך כל הארץ וחזקת והיית לאיש.
(הפט' ויחי)

אין פרק „כל שעה" זאגט דארט די גמרא דאס דערווארט לאמר איז א נוטריקון „ל"אמר" לאו אמר, זאג דאס ניט, — אזוי דא אויך, — איז דוד'ס צוואה, וואס איז דיא צוואה אין דעםווארט „לאמר" „ויצו את שלמה בנו" ער האט א צוואה געלאזען זיין זון שלמה „לאמר" „לאוו אמור" דו זאלסט ניט זאגען דאס „אנכי הולך" איך וויל געהן בדרך כל הארץ" אין דעם וועג ווי אלע יונגעלייט, איך וויל ניט געהן געגען שטראם, נאר פון שטראם ווי דיא וועלט פאדערט, אזוי וועל איך געהן מיט אלעמען צו גלייך „לאמר" „לאוו אמור" דוא זאלסט עס ניט זאגען „אנכי הולך בדרך כל הארץ" — אין זייערע מנהגים, — נאר „וחזקת והיית לאיש" שטארק זיך און זיי א מענש, א לעבעדיגער פיש געהט געגען שטראם א טויטער פון שטראם. (באטראכט נום די ווערטער).

# מ צ ב ה

ויקח משה את עצמות יוסף עמו כי השבע השביע את בני ישראל לאמר פקוד יפקוד אלהים אתכם והעליתם את עצמותו מזה אתכם.
(בשלח)

חכם לב יקח מצוות שכל ישראל נתעסקו בביזה ומשה נתעסק בעצמותיו של יוסף. (מדרש).

יוסף הצדיק האָט געוואָלט מזכה זיין דיא אידען, דארום האָט ער פארזאָגט מיט צונעהמען זיינע ביינער מיט זיי, אויף דעם זאָגט דער מדרש חכם לב וכו׳, וואָס איז דאָ געווען אזא זאַך פאר וועלכע משה זאָל גערופען ווערען חכם, איהר זייט אַלע קינדער, פרוי און פריינד ברידער און שוועסטער און אויך מעמבער פון זעלבען שוהל פאראיין געקומען אָפּגעבען דעם לעצטען כבוד אייער פאָטער, מאַן, ברודער, און מיט ברידער„ אָט דאָ זייט איהר איצט און איהר שטעהט ארום דעם שטיין, אונטער וועלכען עס ליגט דער וכו׳, ער איז געווען אַ גוטער פאָטער און מאַן, געארבייט שווער צו צופרידען שטעלען אייך אַלעמען אין שוהל, פאראיין סאָסייעטי און אויך האָט ער ניט פארגעסען זיין נשמה איהר אויך צופרידען צו שטעלען, דאָס האָט ער מיטגענומען מיט זיך, אַלע זאַכען וואָס ער האָט געארבייט אויפגעטאָהן, דאָס האָט ער איבער־געלאָזען אויף דער ערדישע וועלט, דיא נשמה אַנטיקען האָט ער מיטגענומען מיט זיך. יוסף הצדיק אויסער וואָס ער איז אַ צדיק האָט ער גליקליך געמאַכט די לאַנד מצרים, אליין איז ער געווען רייך געווים פון די מולטי מיליאָנערען, האָט ער פאר זיין שטארבען געזאָגט, איך וויל אייך מיינע ברידער צייגען וואָס דער גאַנצער תכלית איז פון מענשען, פון זיין רייכקייט פון אַלעס, נעהמט מיט מיינע ביינער מיט אייך וועט איהר זעהן וואָס עס בלייבט נאָכ׳ן לעבען. דער סוף פון מענ־

שען און דאָס וועט זיין פאַר אייך א לעהרע א גוטע איהר זאָלט וויסען וואָס מען נעמט מיט וואָס ניט, איהר זאָלט אויך וויסען אז „פקוד יפקוד אלהים אתכם" ווען גאָט וועט אייך מאַכען פעהלען פון דער וועלט נאָך אייערע הונדערט און צוואַנציג יאָהר, נעהמט מיט מיינע ביינער, און זעהט פון אַלע ארבייט, פאַרמעגען וואָס עס איז געבליבען, דאַרום וועט איהר אויך ניט פאַרגעסען זיך צו דערמאָנען מיטצונעמען מיין נאַטור מיין עצם לעבען, זיין אין א פרעמדע טומאה לאַנד און געבליבען ווי איך בין געבאָרען א איד און געשטאָרבען א איד, „והעליתם „את עצמותי" מיין עצם נאַטור מיט זיך וויל מעהר ווי דאָס בלייבט ניט מיטצונעהמען, און דאָס איז די חכמה פון מענשען, זאָגט דער מדרש, משה האָט די חכמה פאַרשטאַנען, אַלע האָבען געזאַמעלט גאָלד און זאָ ווייטער, און ער האָט זיך עוסק געווען מיטצונעהמען יוסף'ס ביינער מיט זיך ווייל דאָ ליגט דער מוסר.

קינדער, פריינד, איהר גיט היינט אָפּ דעם לעצטען כבוד אייער פאָטער, און איהר זעהט אַלעם דאָס וואָס איך האָב גערעדט מיט מיין מויל, איהר זעהט עס מיט אייערע אויגען, נעהמט מיט זיך מיט אהיים, די מדות פון אייער זעליגען פאָ־טער, זיין עצם, נאַטור, זיין אידישקייט, דאַן וועט איהר הייסען חכמים, ודו"ק.

---

## הספד למת פתאום

אל תבכו למת ואל תנודו לו בכו בכה להולך.
(ירמיהו כ"ב)

ער פאַנגט אָן דעם פסוק ניט צו וויינען אויף דעם מת, און זאָגט גלייך בכו בכה להולך, דער שטייגער איז פון דער וועלט, אז פאַר דעם טויט איז מען קראַנקט, אָבער אז ער געהט אין גאַס, און שטאַרבט פלוצלונג, דאָס איז מעהר שריי־

ענד, „אל תבכו למת", ווער עס איז געשטארבען ווי דער סדר העולם, אבער „בכו בכה" וויינט א סאך להולך, — דער וואס איז געגאנגען מיט א פאר מינוט פריהער א געזונטער.

---

## הספד במות חתן

אין אנהויב קידושין (דף ב') לערנען מיר קיחה קיחה משדה עפרון. ווייל ביי נעהמען א פרוי שטעהט דער ווארט קיחה „כי יקח איש אשה, און ביי אברהם ווען ער קויפט דעם קבר פון עפרון שטעהט אויך דער ווארט קיחה, נתתי כסף השדה קח ממני, — אבער דא איז געפעדערט דער קויפען א קבר אויפ'ן טרויער פעלד, נתתי כסף השדה בעפאר כי יקח איש אשה ווייל דער שטייגער איז דאך ווי די גמרא ברענגט די פסוקים פריהער כי יקח איש אשה כתיב הכא, — און דארט אז מען לעבט אוים די יאהרען כתיב התם נתתי כסף השדה קח ממני, — האט דא געפעדערט דער נתתי כסף השדה אויפ'ן פעלד פון טרויער, ודו"ק.

---

## להספד

„ויבאו עד גורן האטד"
(ויחי)

די גאנצע וועלט האט געשפירט בכלל און מצרים בפרט דאס דורך יעקב'ס זכות האבען זיי געהאט א גורן, שייער תבואה, און ווי ער איז געשטארבען איז געקומען דער הונגער פון גורן תבואה איז געווארען דער אטד דארען.

---

# לנשואין

**ויקח האיש נזם זהב בקע משקלו, ושני צמידים על ידיה עשרה זהב משקלם.**
**(חיי שרה)**

ווען אליעזר געהט אין די שליחות פון אברהם, ער זאָל געהן צו בתואל און לבן, און דאָרט געפינען אַן אָנשטענדיגע קינד אַ גוטע און אַ פרומע פאַר יצחק אַ פרוי. — און אליעזר דער טרייער דיענער פון אברהם האָט געטראַכט מיט אַלע מעגליכקייט צו געפינען אַן אמת פּאַסענדע פרוי פאַר דעם זוהן דעם טרייען ליעבען קינד, פון דעם אַלטען פּאַטריארך אברהם, מיט אַלע מעגליכקייט, וואָס עס קען זיין דורך דיא פאַרשטאַנד און פיזישע מיהע, האָט ער אַליין געטרייעט, חאָטש אברהם האָט איהם געזאָגט זיי וויסען, דאָס השי"ת וועט שיקען זיין מלאך פאַר דיר, דיר צו העלפען אויסצוגע־פינען דיא ריכטיגע כלה, דאָך האָט אליעזר געזאָגט, טאַקע אַ מלאך געהט מיט העלפען, איך וויל זיך ניט פאַרלאָזען אויף מלאכים אַליין, נאָר איך מענש מוז טאָהן וואָס אין מיינע מעגליכקייט איז צו טאָהן.

און ער האָט געטאָהן, ער האָט זיך געזעצט ביי דעם ברונעם וואַסער וואָס די מיידלאך פון שטאָט געהען שעפּען וואַסער, און ער האָט געמאַכט די פּראָבע, צו בעטען ביי די מיידלאך זיי זאָלען פאַר איהם שעפּען וואַסער, ער וויל אַ טרונק, געוויס האָבען איהם פיעל מיידלאך געענטפערט, פע, אַ שאַנדע, אַזאַ געזונטער מענש (ווייל ער איז געווען זעהר גרויס, ווי די חכמי התלמוד והמדרש שילדערען איהם) זאָל בעטען ביי די שוואַכע געשלעכט אַ טרונק וואַסער אָנשעפּען, **אַזאַ גבור, שעהמסטו זיך ניט, און רבקה קומט צום ברונעם נאָך געווען זעהר יונג, זאָגט ער צו איהר, גיעב מיר אַ טרונק**

וואָסער פון דיין קרוג, ענטפערט זי, מיין הער, — אפילו דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען, דו ביזט געווים מיעד פון וועג געגערדט און געטאָהן, זעהט ער אַז זי איז די אמת'ע גוטע, — און פון איהרע רייד האָט ער פאַרשטאַנען אַז זי איז אויך אַ פרומע.

דאַן דערציילט די תורה „ויקח האיש" האָט דער מאַן גענומען „נזם זהב" אַ גאָלדענע נאָזבאַנד „בקע משקלו" זיין וואָג איז געווען די שווערקייט פון אַ האַלבען טאָלער, „ושני צמידים על ידיה" און אויך צוויי בראַסלעטען אויף איהרע הענט „עשרה הב משקלם" צעהן גאָלד שטיק זייער וואָג, און ער האָט איהר עס געגעבען פאַר שמחה, ווייל ער האָט געזעהן אַז גאָט ב"ה האָט איהם צוגעשיקט די ריכטיגע טייערע פרוי וועט זיין פאַר יצחק, זי וועט היטען די ריכטיגע כשר'ע הויז, און העלפען נויטווענדיגע.

רש"י זאָגט „בקע משקלו" איז אָנגעוואונקען אַז דאָס געהט אויף די שקלים וואָס אידען וועלען געבען „בקע לגלגולת", ושני צמידים זאָגט רש"י איז אַ רמז צו די צוויי לוחות, „עשרה זהב משקלם" איז אַ רמז צו די עשרת הדברות.

דאָס מיינט, פון די „שקלי ישראל" האָט מען געמאַכט די אדנים די שוועלען צום משכן, אויף וואָס עס שטעהט די הייליגקייט, און יעדער הויז דאָס זעלבע, מאַן און פרוי, יעדער איינער אָן די אַנדערע, איז אַ האַלבער קערפּער, ווי דער „מחצית השקל" דער האַלבער טאָלער און ווען מיט ליעבע איז יעדער פון זיי איינער צום צווייטען, זיינען זיי דאַן הייליג ווי די צוויי לוחות, די געפיהלען פון האַרץ מוז זיין אין האַנט, דאָס אי די „צמידים על ידיה", — עס מוז זיך זעהען די ליעבע פון האַרץ אויף דער האַנט, ווי די האַרץ טראַכט אַזוי דאַרף זיין די האַנט, דאָס הייסט במעשה ובפעולה, אין די עשרת הדברות דאַרף זיין אויף די צעהן פינגער פון די הענט, דאַן

קען זיין די אמת'ע טרייהייט, די אמת.ע ליעבע, אהן די צעהן געבאָט זיינען זיי נים זיכער און באגלויבט, איינער צום צווייטען. —

# לנשואין

לא טוב היות האדם לבדו אעשה לו עזר כנגדו.
(בראשית)

עס איז נים גוט צו זיין דעם מענשען אליין, איך וועל איהם מאכען א הילף געגען איהם, ווארום זאגט השי"ת „עזר" א הילף וועט איהם זיין און „כנגדו" געגען איהם ?

דער מענש קען נים געפינען קיין צופרידענהייט, מיט דעם וואס ער זאל אימער זיין אליין, ווייל עס מוז איהם פע־לען די הנאה פון זיין הויז, ווער וועט איהם גרייטען צום עסען, זיין בעט צו שלאפען, ער קומט אין אווענט מיעד פארמאטערט פון דער ארבייט, און אז ער זאל דארפען זיך מאכען זיין עסען, בעטען זיין בעט, קלינען זיין הויז, ווען וועט ער רוהען? זאגט גאט ב"ה איך וועל פאר איהם באשאפען א הילף, „עזר" און זיי זאלען זיין גלייכע מענשען, גלייך מיט איין געדאנקען, גלייכע פארטנער, „כנגדו" איז דער טייטשט גלייך צו איהם, די זעלבע מיוחסת איז זי ווי ער, ער ווי זי, אזוי ווי פארטנער־שיפ, דו מיין פארטנער ברענגסט אריין אזוי פיעל, אט אזוי פיעל וועל איך אריינברענגען, דו טוהסט דיין ארבייט אויט־סייד, איך וועל טאהן אינסייד, „כך וכך אתה מכנים כך וכך אני מכנים נגדך, און מיר וועלען זיך טהיילען אין ריוח, גלייך אויף גלייך, אט אזוי איז דער הייראט, נאך דער תורה נאך, ווי פארטנערשיפ אין דעם וועג פון זייער לעבען, ער ברענגט מעהל און זי באקט די ברויט, ער ברענגט די געלט, זי ברענגט דעם עסען, און זייביידע נעהמען אנטהייל אין זיי־

ערע פריידען, איינער פריים זיך מיט דעם צווייטען, אוןביידע גלייכע פּאַרטנער צו זייערע קינדער, און אין נחת פון די קינדער גלייכע, גאַר גלייכע, — די תורה זאָגט דאָך אָבער „עזר כנגדו" אַ הילף קעגען איהם, וועלען מיר אַ בליק טאָהן עטוואָס ווייטער, דערציילט די תורה אין וישלח, „ואלכה לנגדך" איך וועל געהן געגען דיר, ערקלערט רש"י „בשוה לך" איך וועל געהן גלייך מיט דיר, אַט אַזוי מיינט דאָ דיא תורה „עזר כנגדו" אַ הילף איז די פרוי „כנגדו" גלייך צו איהם, ניטאָ קיין העכערע פון זיי ביידען, זיי זיינען ביידע גלייך, אָבער גלייך אין אַלע הינזיכטען. (מאריך צו זיין, יעדער נאָך זיין קראַפט).

---

# לנשואין

„ויביאה אל האדם"
(בראשית)

ער האָט איהר געבראַכט צו דעם אדם. ווארום האָט גאָט געוואַרט, ביז ער האָט זיך באַקלאָגט „לא טוב היות האדם לבדו" ער האָט זיי ביידען גלייך באַשאַפען, ווי ער זאָגט „זכר ונקבה בראם"?

ביי היינטיגע זיינען פאַרהאַן זעהר פיעל, וועלכע די ליעבע פאַרבלענדעט זיי די אויגען, און זיי זאָגען, איך מוז הייראַטען אוים ליעבע, — און דאָס הייסט מיט אַ העכערען געדאַנק, פאַר די וואָס הייראַטען אוים ליעבע, קען ח"ו הייסען אַזוי, — דאָס ווי זיי הייראַטען איז אוים ליעבע, — שלום און פאַר־הייראַטען לעבען ברענגט די שכינה אין הויז, מזל ברכה איז ביי זיי — דער תלמוד זאָגט „איש ואשה שכינה שרויה ביניהם", מאַן און פרוי אין אחדות, רוהט די שכינה דיא גאַנצע צייט צווישען זיי. —

און אזוי ווי מיר וואלטען ניט געוואוסט די גוטעס פון טאג ליכט פון די זונגען שיין, ווען עס וואלט ניט געווען די נאכט די פינסטערניש, אז עס איז דא פינסטערניש, איז מען דאנקבאר פאר די ליכט, דער מענש ארבייט שווער בייטאג, קומט די נאכט ווען ער רוהט זיך אפ פון זיין שווערען ארבייט דאנקט ער גאט פאר דער נאכט, ווען ניט די נאכט, וואלט א מענש ניט געהאט קיין רוהע, דאס זעלבע האט השי"ת געווארט מיט'ן ברענגען חוה'ן צו איהם, אום דער אדם זאל פיהלען דעם חסרון, ווי אונמעגליך עס איז צו זיין אן דער פרוי, — וועט ער וויסען ווי טייער ווי ליעב זי איז, און ער וועט וויסען ווי צו שעצען איהר, זיי זאלען לעבען גליקליך אז ווי באלד דער באשעפער האט איהם אויף געוויזען, דאס לא טוב היות האדם לבדו, ווי ניט גוט דעם מענשען איז צו זיין אליין, דאן „ויביאה אל האדם" האט ער איהר געבראכט צו אדם, און ער האט זיי געפיהרט אונטער דער חופה, אז גאט ב"ה איז דער מסדר קדושין, פארשטעהט מען אז די מלאכים, דריי דיא וועלכע זיי ווערען אימער געשיקט צו דעם מענשען, און דאס איז מלאך רפאל, דער מלאך וואס היילט אלע קראנקע, ער וועט אייך אפהיטען אז איהר זאלט זיין געזונט, אימער, ווייל ער זאגט וואס מען דארף עסען, און וואס ניט, ער וועט אייך היטען אז איהר וועט היטען די כשר הויז, — מלאך גבריאל דער צווייטער, צו רעטען לוט, אט דער מלאך וועט אייך היטען פון אלע שלעכטעס, דער דריטער מיכאל אנצוזאגען א בשורה טובה, אז שרה וועט האבען א קינד, און דער מלאך טאקע מיכאל וועט אייך העלפען צו האבען אזא קינד ווי יצחק איז געווען, אמן.

---

## לנשואין

מיט געלט קען מען אויסמעבעלירען א הויז, אבער מיט ליעבע פון מאן און פרוי קען מען אויסמעבעלירען א היים.

## מ ע נ ע ר

א סאך מענער ווערען נאך דער חתונה אזעלכע גרויסע צדיקים, אז זיי קוקען ניט אפילו אויף זייער אייגענע פרוי. —

---

## פארהייראטער לעבען

דאס פארהייראטער לעבען איז א שפיעל, וואו די פרוי איז אימער די געווינערען . . . .

---

טרייע ליבע, אזא זאך וואס אלע ריידען, און נעוועד האט עס עקזיסטירט . . . .

---

דאס קליינע שטיינדעל אויף אונזער פינגער זעהען אלע, דעם שווערען שטיין אויף אונזער הארצען זעהט קיינער ניט.

---

## ש י ד ו כ י ם

שידוכים ווערען געשלאסען אין הימעל אבער די פא־מיליען דראמאס ווערען געשפיעלט אויף דער ערד. —

---

## ל נ ש ו א י ן

מאנכע מענער בעהאנדלען זייערע פרויען ווי זייער סוכה ווען די זון שיינט וואוינט ער מיט איהר, ווען עס רעגענט, אנטלויפט ער פון איהר.

---

חתונה האָבען איז אַ בשותפות׳דיגער געשעפט, וואו דער פרוי׳ס הוצאה ווענט אימער אַריבער דעם מאַן׳ס הכנסה.

---

ווען אַ מאַן בעקלאָגט זיך פאַר אייך, אַז זיין הייראַט איז געווען אַ טעות, גלויבט עס איהם, זיין פרוי האָט זיך נעבאַך טועה געווען.

---

עס זיינען דאָ מענער וואָס האָבען שכל צו קריגען אַ גוטע פרוי, אָבער ניט גענוג שכל זי צו בעהאַנדלען אַזוי, אַז זי זאָל פאַרבלייבען אַ גוטע.

---

אַ פרוי קען נאָר גליקליך זיין, ווען זי וויים אַז אַנדערע זיינען איהר מקנא.

---

## לנשואין

„ואתם הדבקים בד׳ אלהיכם חיים כולכם היום״.
(ואתחנן)

„חתן כלה״ אין דעם פסוק וואָס איך האָב ציטירט פאַר אייך, דאָס איז געזאָגט געוואָרען אויך פאַר אייך „חתן וכלה״, ביז איצט איז יעדער פון אייך געווען ביי די עלטערען, אָבער איצט „ואתם הדבקים״ איהר געהט זיך באַהעפטען, איהר ווערט מאַן און פרוי, איהר ווערטביידע מיט איין גע־דאַנקען, ווי די תורה זאָגט „על כן יעזב איש את אביו ואמו דארום ווען עס קומט די גליקליכע צייט, וואָס איהר דאַרפט פאַרלאָזען די היים פון אייער פאָטער און מוטער, דאַן מוזט

איהר זיין ווי איין מענש, מיט איין געדאנקען, שלום און פריי־דען, איינער מוז זארגען פאר'ן צווייטען, ווייל איהר ביידע ווערט ווי איין מענש, „ואתם הדבקים" איהר געהט זיך באַ־העפטען, ד. ה. איהר געהט הייראטען, ווייסט איהר ווען איהר קענט גליקליך לעבען, נאר אז איהר וועט זיך באהעפ־טען „בד' אלהיכם" מיט גאָט, אז איהר נעהמט גאָט פאר א פארטנער אין אייער לעבען, אז איהר נעהמט איהם פאר א דריטען פארטנער, דאן וועט אייך ניט פעהלען אין אייער לעבען, אבער ניט ח"ו קומען נאר צו גאָט בעטען ווען עס איז שלעכט, ווען מען קען קיין לעבען ניט מאכען, ווען מ'איז אָרעם ח"ו, און אן אָרימאן איז געגליכען צו א טויטען, בעט זיך ביי אייך די תורה, „ואתם הדבקים בד'" איהר זאָלט זיך באהעפטען מיט גאָט, אייער דריטען פארטנער, ניט ווען דער לעבען איז קיין לעבען ניט, ווען מען איז אָרעם ח"ו נרר „חיים" ווען איהר לעבט א שעהנעם לעבען, א גוטען לעבען, א רייכען לעבען, נאר חיים, און אמאָהל קען טרעפען אז דער מאן איז מוחל זיין ווייבעל אז זי קען זיך פיהרען אהן דעם דריטען פארטנער, אָדער זי איז איהם מוחל, אָדער די קינדער לאָזען געהן ווי זיי ווילען, זאָגט די תורה „כלכם" איהר אלע צוזאמען דער מאן און פרוי און קינדער „ואתם הדבקים בד' אלהיכם חיים כולכם, ווי געזאָגט איז שוין. און אמאָהל לאָזט מען אוועק דעם דריטען פארטנער, ביז צו דער עלטער, און ווי לאנג מען איז יונג האלט מען ניט פון איהם, זאָגט די תורה, ואתם הדבקים בד' אלהיכם חיים, און כולכם און דוקא היום, ניט אויף דער עלטער אליין, ודו"ק היטב (מספר דרש אב מהגאון האדיר רא"א יודעלעוויץ זצוק"ל). —

# לנשואין

„הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל"

ביי קיין מצוה ווערט ניט געזאגט כדת משה וישראל, נאר ביי קדושין ?

דער מדרש דערציילט ר"ג האט פארהייראט א טאכ-טער, זאגט זי, פאטער בענש מיר, האט ער איהר געענטפערט דו זאלסט מעהר ניט קומען צו מיר צוריק, זי האט געבוירען א קינד, זאגט זי פאטער בענש מיר מיט'ן קינד, זאגט ער, עס זאל ניט אפגעטאהן ווערען פון דיין מויל ווי, ד. ה. ווען ווען, זאגט זי פאטער ביי מיינע ביידע שמחות האב איך דיר געבעטען מיר צו בענשען, האסטו מיר ביידע מאהל געשאלטען.

ניין טאכטערקע, איך האב דיר ביידע מאהל געבענשט, צו דיין חתונה האב איך דיר געבענשט דו זאלסט ניט קומען צוריק צו מיר, דו זאלסט לעבען גליקליך מיט דיין מאן, און ניט דארפען קומען צוריק, איצט בענש איך דיר, דו זאלסט ליבען דיין קינד, און אפט זאגען ווען איז מיר, דער קינד האט נאך ניט געגעסען, ווען דער קינד איז נאך אין חדר נישט געגאנגען, ווען דער קינד האט נאך ניט געשלאפען.

ביי מתן תורה האט אונז גאט ב"ה מיט דער תורה פאר'קנס'ט האט ער אונז נאכהער אנגעזאגט די תורה זאל זיין אימער ביי אייך די תורה זאל ניט פארביטען ווערען, אויף עוויג זאל זי זיין ביי אייך, דארום זאגט דער חתן „הרי את מקודשת לי בטבעת זו" דו ווערסט היינט מיינע אויף עוויג זאלסטו זיין ביי מיר און איך ביי דיר, „כדת משה וישראל" אט אזוי ווי משה און די אידען וואס ער האט זיי פאר'קנס'ט אויף עוויג, אזוי זאלסטו זיין ביי מיר אויף עוויג, ווי די תורה איז אויף עוויג ביי אונז אידען, ודו"ק.

## דרשות וחומר לדרוש

## לצדקה

דבר אל בני ישראל איש כי יפליא נדר בערכך נפשות לד׳.
(בחקותי)

די חכמים זאָגען, הנודר ואינו משלם בניו מתים ח״ו, דער וואָס איז מנדר און ניט מקיים שטאַרבען ח״ו זיינע קינדער, און דאָס זאָגט דער פסוק איש כי יפליא נדר, ער האָט אויסגערעדט זיך אַ צוזאָג צו־געבען אַ נדבה, אויב ער גיט אָפּ איז גוט, אז ניט ח״ו בערכך נפשות, וועט ער דאַרפען באַצאָהלען מיט נפשות אויב ער באַצאָהלט ניט.

---

## קריטיקירען די אנדערע

ווער עס קען זיך אליין וועט ניט קריטיקירען קיינמאָהל די פעהלערען פון אַנדערע. —

---

## לצדקה

„הקול קול יעקב והידים ידי עשו"
(תולדות)

דער קאַרגער האָט אַ טבע, צו זוכען אויף דעם אָרימאַן חסרונות, ער איז אַ בעל עבירה, ער איז אַ בלאָפער, ער איז אַ שכור, דאַרום וויל ער ניט געבען דעם אָרימאַן, צו זיין אַ נותן יד לפושעים, דער ווילע וויל ער ווייזען זיין פרומקייט, און אַ תירוץ פאַר זיך ניט צו געבען, „הקול קול יעקב" ער שרייט אויף דעם אָרימאַן מיט אַ קול יעקב קול יעקב, אַ פרו־

מען קול הייסט עס, א קול פון יראת שמים, און דער אמת איז „והידים ידי עשו" זיינע הענטעלאך זיינען עשו׳ס הענט־עלאך, הענטעלאך פול מיט אכזריות, ער וויל ניט געבען, זאגט ער אז דער ארימאן איז א זינדיגער. (וידבר משה).

---

כי יהיה בך אביון וגו׳ לא תאמץ וכו׳ מאחיך האביון.

ר׳ מאיר זאגט אין מדרש קהלת רבה פ"ה פסוק י"ד ווען דער מענש קומט אויף דער וועלט זיינען זיינע הענט פאר־מאכט ווי די גאנצע וועלט איז זיינע, און אז ער שטארבט זיינען זיינע הענט אפען, ווי איינער זאגט, איך נעהם גארניט מיט זיך איך לאז איבער אלעס דא, אט זעהט מיינע אפענע הענט — זאגט די תורה מיין טייערער, „כי יהיה בך אביון" וגו׳ „לא תאמץ" וגו׳ „ולא תקפוץ את ידך" זאלסטו ניט פאר קוועטשען דיין האנט און זאלסט ניט פארמאכען דיין האנט פון דיין ברודער דעם ארעמאן, ווייל עס וועט זיין א צייט ווען „כי אם פתוח תפתח את ידך" דו וועסט אפען האלטען דיינע הענט ווען דו שטארבסט וועסטו גאר ניט מיטנעהמען מיט זיך, טא פארמאך ניט דיין האנט דו זאלסט דיינקען אז די וועלט איז דיינע, און גיעב חאטש ווי לאנג דו לעבסט, דאס וועט זיין דיינע.

---

## א נדבה פון א דענטיסט

— דענטיסט (צו אן ארימאן) : קיין קעש געלד קען איך אייך ניט געבען, אבער אויב איהר ווילט קען איך אייך ארויסנעהמען א צאהן . . .

---

## ג ע ד א נ ק ע ן

שעהנע פאלמען וואקסען אין הייסע לענדער, מאוס׳ע כאראקטערען אין קאלטע הערצער . . .

# לצדקה

„ויבא אהרן לאכל לחם לפני האלהים".
(יתרו)

אהרן איז געקומען צו דער סעודה „לפני האלהים" וואָס איז פאַר גאָט, דאָס הייסט די חז"ל זאָגען גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה, אריין נעהמען אורחים, איז גרעסער די מצוה, ווי מען זאָל מקבל זיין פני השכינה און די סעודה איז דאָך לכבוד יתרו, ודו"ק.

---

## איצטיגע צדקה

„ותשחת הארץ לפני האלהים ותמלא הארץ חמס".
(נח)

די עבירות וואָס זיי האָבען געטאָהן איז דאָס געוועזן לפנים טוהען זיי עס לשם שמים פאַר גאָט, ווי אין אַמעריקאַ, צוליעב צדקה זאַמלען, שפּיעלט מען אין קאַרטען גאַנצע נעכט, ביז דער מאָרגען שטערען געהט אויף, טאַנצען אויף צדקה, חיבוק ונישוק צוליעב צדקה, „ותשחת הארץ" און זיי האָבען עס געטאָהן צוליעב גאָט „לפני האלהים", די השחתה איז געוועזן פאַר גאָט, ביז „ותמלא הארץ חמס" צוליעב גאָט. —

---

איה האנשים אשר באו אליך הלילה הוציאם אלינו ונדעה אותם.
(וירא)

פאַרהאַן קמצנים וועלכע זאָגען אַז געבען דאַרף מען נאָר אַן אַלטען מאַן, אָדער אַ בחור אַ קאַליקער א בעל יסורים.

אבער ניט צו געבען ווער עס שטעקט נאר א האנט, די סדום מענשען האבען אויך אזוי געזאגט, חאטש זיי האבען די אויך ניט געגעבען, וואו זיינען די מענשען וועלכע דו האסט אריינגענומען, מיר ווילען זעהען, גוט באטראכטען זיי אויב מען דארף זיי שטיצע געבען, ונדעה אותם, ודו"ק.

---

## לצדקה

ונתנו (תשא) דער טראפ אויף ונתנו איז קדמא ואזלא צו ווייזען ווי מען דארף געבען צדקה, די איז א גוטע צדקה, א וואוילער נותן, דער וואס ווארט ניט אז די ארימעלייט זאלען צו איהם קומען, נאר ער געהט צו זיי, קדמא ואזלא, מען דארף זיך פעדערען און געהן צו מקיים זיין ונתנו, ווי די גמרא זאגט אין (מס' שבת ק"ה) דרכן של גומלי חסד לרוץ אחר דלים, דער שטייגער פון די גומלי חסד איז צו לויפען נאך די ארימעלייט, זוכען זיי, און ברענגען זיי אלעס וואס זיי דארפען. —

---

## לצדקה

ולא ירע לבבך בתתך לו כי בגלל הדבר הזה יברכך ד'.

איינער האט פארלארען הונדערט טאלער, אויף מארגען געהענדיג אין גאס האט ער געפונען צוויי הונדערט טאלער, חאטש ער האט איצט געפונען צוויי, דאך טרייסט ער זיך ניט אין גאנצען פאר זיין פארלארענעם הונדערטער, ווייל ער וואלט איצטער געהאט דריי הונדערטער ווען ער פארלירט ניט, איצט זאלען מיר באטראכטען, ער האט געפיהרט

צעהן זעק ווייץ, און די ווייץ האט זיך אויסגעשאטען פאהרענ-דיג אויפ'ן פעלד, און ער קומט אהיים אהן די ווייץ, אין אייניגע מאנאטען קומט ער צוריק צו פאהרען אויף יענעם געגענד, זעהט ער אז אויף זיין פעלד וואו ער איז געפאהרען איז אויסגעוואקסען א פעלד ווייץ, ער קען ניט זאגען אז ווען ער וואלט ניט פארלארען די זעק ווייץ וואלט ער איצט געהאט מעהר, דער מענש זאל ניט זאגען אז איך וואלט ניט געגעבען דעם טאלער וכדומה, וואלט איך איצט געהאט מעהר, ניין, ער קען עס ניט זאגען „ולא ירע לבבך בתתך לו" זאל דיר ניט פארדריסען ווען דו גיסט אוועק דעם טאלער צדקה, דען „כי בגלל הדבר הזה יברכך ד', צוליעב דער זאך וואס דו האסט אפגעגעבען דיין געלט פאר צדקה בענשט דיר גאט, און צדקה איז גערופען זריעה פארזייט, עס וואקסט דערפון א סאך לעולם הבא און א ברכה בעולם הזה, איז ווי יענער מיט די ווייץ, ודו"ק. —

---

# לצדקה

„אם כסף תלוה את העני עמך"
(משפטים)

אויב דו וועסט העלפען דעם ארימאן, זייא וויסען, את העני, ווער עס געהט מיט, — מיט דעם ארימאן „כי יעמוד לימין אביון" דער עוויגער שטעהט אין דער רעכטער זייט צום ארימאן „את העני" ווער עס געהט מיט דעם ארימאן „עמך" וועט זיין אימער מיט דיר — דיר צו העלפען אין אן „עת צרה".

---

# לצדקה

„פעמון זהב ורימון על שולי המעיל״.
(תצוה)

דאָס רוב מענשען ווען זיי ווערען רייך, קלינגען זיי מיט זייער רייכקייט, דארום האָט דער כהן גדול געוויזען די רייכע צו די גאָלד וואָס איהר האָט און קלינגט צו דעם פעמון זהב, דעם גאָלדענעם גלעקעל דאַרף זיין דער רימון, דער רימון וויזט אויף מצות, די חכמים זאָגען, ריקנים שבך מלאים מצות כרימון אפילו די ליידיגע פון דיין פאָלק האָבען אַ סאַך מצות ווי דער רימון איז פול מיט קערנער, אַז דו גביר האָסט דעם „פעמון זהב״ דארפסטו האָבען דעם „רימון״, „פעמון זהב ורימון״, ודו״ק. —

# דאָס האַרץ

ביי פיעלע מענשען איז דאָס האַרץ דוקא ניט דער איי־דעלסטער טהייל פון קערפער . . .

# היפאָקריט

דער שמייכעל פון אַ היפאָקריט איז שטאַרק עהנליך צו דער טרעהר פון אַ קראָקאָדיל.

# א ר י מ א ן

דו אָרימאַן זיי ניט געפאַלען ביי דיר, און אויב דוא דענקסט אַז מיליאָנערען זיינען קיינעם ניט מקנא, מאַכסטו אַ טעות, זעהר אָפט זיינען זיי מקנא אפילו דעם אָרימסטען פון די אָרימע.

---

דוא גביר שמוץ ניט דעם אָרימאַן, ווען דו באַשמוצט אַ צווייטען מוז זיך מעהר בלאָטע אָנקלעפען אויף דיר אַליין.

---

## דער אומגליקליכער

דער מענש וואָס קען ניט פאַרטראָגען קיין אומגליק איז ווירקליך אַן אומגליקליכער.

---

דער אָרימאַן לעבט פון קרענק, דער גביר קרענקט פון לעבען.

---